## ווי „איינזאם“ מען שטארבט אין לאנדאן . . .

מיר דערוויסן זיך, פון אן אנאנס אין דער פאריזער בונדישער צייטונג „אונזער שטימע“, אז דעם 1־טן אקטאבער איז אין לאנדאן געשטארבן נ. ביטלער. מיר ווייסן נישט, אויב ער איז קראנק געווען און ווי־אלט ער איז געווען, אזוי ווייסן מיר אויך נישט־ווו עס רוען זיינע עצמות. אין די לעצטע מלחמה־יארן, איז נ. ביטלער נישט געווען איינזאם. ער האט געלעבט מיטן געטומעל פון דעם „נייעם יידישן טעאטער“, אויף דער אדלער־גאס, אינעם הארץ פונעם ווייטשטעפלער קווארטאל, ווו ער האט געגעבן אסך כוחות און געלט, לטובת דער שאפונג פון א בעסערן יידישן טעאטער. יא. אין יענע יארן, איז נ. ביטלער נישט געווען איינזאם. ער האט געהאט א גרויסע צאל פריינט און באקאנטע, ביז עס איז געקומען דער טראגישער סוף פון יידישן טעאטער אין לאנדאן.

נ. ביטלער איז פון דער פראפעסיע געווען א בעקער. אבער ווי אן „איבערצייגטער בונדיסט“, האט ער געהאט א חוש פארן יידישן לשון און געהאלפן בויען א בעסערן יידישן טעאטער אין לאנדאן, וועמענס רעפערטואר זאל זיין ריין פון שונד. און זאל אים נאכגעזאגט ווערן דער שבח, אז אונטער זיי אנפירונג האט מען אין דעם „ניי־יידישן טעאטער“ אויפגעפירט פיעסן פון בעסערן יידישן רעפערטואר. געווען אפילו א צייט, ווען נ. ביטלער האט אין משך פון צוויי יאר סובסידירט דעם חודש־זשורנאל „טעאטער שפיגל“. אנגאזשירט יידישע אקטיארן און אקטריסעס פון אויסלאנד. אפילו א רעזשיסאר האט ער געברענגט פון אמעריקע, אויפצופירן עטלעכע פיעסן. אבער־ווען דאס אלץ האט זיך ניט איינגעגעבן, און די דעפיציטן פון דעם טעאטער זענען גרעסער געווארן, האט נ. ביטלער זיך צוריק־געצויגן פון דער עבודה, — א ביטער־אנטוישטער פון דעם יידישן טעאטער־יאריד, און מען האט אים מער ניט געזען צווישן אונדז.

נ. ביטלער איז געווען דורכויס פאלקס־מענטש. ווי אן אפשטאמיקער פון רוסלאנד, האט ער שטארק ליב געהאט יידיש טעאטער און דאס געלייטערטע יידישע לשון. ער האט צוגעצויגן עטלעכע פון זיינע פריינט און ידידים, איינגעשלאסן דעם טעאטראל, אביש מייזעלס, ע״ה, אין דער האפענונג, אז ער וועט מצליח זיין און שאפן א יידיש טעאטער־געצעלט אין לאנדאן וואס וועט זיין א כבוד פאר יידן. אבער דאס האט זיך אים — און אונדז אלע, וואס האבן זיך „געדרייט“ ארום דעם יידישן טעאטער, ניט איינגעגעבן.

זאלן די פאר שורות דינען ווי א הספד דעם פארשטארבענעם נ. ביטלער, איינעם פון די סאמע־לעצטע יידיש־פאלקסטימלעכע מאהיקאנער, וואס איז אזוי פלוצים אוועק פון אונדז .

---

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנאמענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזע־ א״בעט.

---

266

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 420) זיבן און צוואנציקסטן יאר דעצעמבער 1966 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :


| | | |
|---|---|---|
| צו מיינע 8 לידער אין היינטיקן חנוכה־נומער, די אכט לידער | ** | 1 |
| א צוזאמענטרעף מיט ש״י עגנון | מיכאל זילבערבערג | 10 |
| פרייד, מיין ליד (לידער) | יוסף לעפטוויטש | 13 |
| דער זעלבסטמארד אויפן מסדה־פעלז (עסיי) | י. ריכטיגער | 14 |
| אז די פערצווייפלונג אין גרויס (ליד) | שמואל וו הייט | 21 |
| דער סוף פון דער מעשה (שלוס־קאפיטל פון בוך גערענגל) | א. נ. שטענצל | 21 |
| פייוול בלאנק (נעקראלאג) | א. דארף | 30 |
| יידיש טעאטער אין גרענד פאלעי | הארי אריעל | 31 |
| גרענד־פאלעי־גרופע (פאטא) | | 34 |
| סייעתא דשמיא, א מעשה מיט א ציג (צוויי דערציילונגען) | ש. י. עגנון | 35 |
| לאנדאנער קולטור־ידיעות | | |


## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנער סטר., 33 א.ו., בערנארד באראן סטלעמנט — שבת 3 א זייגער

שבת, דעם 31׳סטן דעצעמבער — וועט קאמיל האניק האלטן א רעפעראט: מארטין בובער, דער ווידער ענטדעקער פון חסידות פאר דער מערב וועלט.

שבת, דעם 7׳טן יאנואר — א פארטראג איבערן שאפן פון די יידישע סאוויעטישע שרייבער — בעלא ווײַנער.

שבת, דעם 14׳טן — 50 יארצייט פון קלאסיקער מענדעלע מוכר ספרים. עס וועלן לייענען: מנשה וייסגראז, אייזיק גאלדבערג, נעט רובין.

שבת, דעם 21׳סטן — א שבת שורה פראגראם — יעקב ריכטיקער, ח. נ. בענקוויטש, מאיר באגדאנסקי און מאדאם נאדלער.

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

שמואל יוסף עגנון, דער נאבל פרייז געווינען פון הייאר דירעקט פון שוועדן אפנעמענדיק דעם פרייז געקומען קיין לאנדאן ווי דער גאסט פון ישראל־אמבאסאדאר.

*　*　*

ד״ר יאאכים פרינץ אויף זיין צוריק נסיעה פון דייטשלאנד האט א גערעדט אויף א מאסנפארזימלונג איבער דער לאגע אין דויטשלאנד, איינגעארדנט פון יידישן וועלט קאנגרעס.

*　*　*

אהרן ווערגעליס, דער פאעט און רעדאקטאר פון „סאוויעטיש היימלאנד" איז אויף א באזוך דא אין לאנדאן. דער יידישער ארבעטער־רינג א באנקעט און פערזאמלונג לכבוד דעם גאסט.

*　*　*

דער באר׳מטער שרייבער און רעדאקטער פון „קעמפער" איז געווען אויף א קורצן באזוך דא אין לאנדאן. די קולטור־געזעלשאפט ביי דער פועלי ציון האט צוזאמגערופן צו א מסיבה איניקע שרייבער צו א גלעזל טיי אין שטראנד־האטעל.

*　*　*

ביי דעם גלאטשטיין אוונט אין בן־אורי האט דער באקאנטער אקטיאר יודל גאלדבערג גליינט לידער פון יעקב גלאטשטיינען, עס האבן זיך נאך באטייליקט אייזיק גאלדבערג, ח. נ. בענקוויטש.

*　*　*

דר. אהרן שטיינבערג האט דורכגעמאכט א שווערע אפעראציע. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

*　*　*

דר. יעקב מייטליס האלט א סעריע לעקציעס איבער די געשיכט און שאפן פון מזרח יידנטום אין פילגעט־שול, אין דער איסטענד, יעדן צווייטן זונטיק וואס ציען צו אן עולם.

*　*　*

די פאלקס־שטימע אין ווארשע פייערט איר 20סט יובל־יאר מיר ווינטשן איר עד מאה ועשרים שנה — אייגענטלעך זיינען מיר שטיקלעך מחותנים, די מאטריצן פאר דער דרוקעריי איז געווען א מתנה פון אונז דא — פון „פריינט פון יידיש־לשון".

*　*　*

דר. יוסף ליטווין, א מחבר פון העברעאישע ספרים, א שרייבער פון יידיש און ענגליש איז געשטארבן, חבל על דאבדין. אונזער טיפן מיטלייד צו די פרוי און קינדער.

*　*　*

יעקב גלאטשטיין צעטיילענדיק זיין לייוויק פרעמיע די 1000, וואס ער האט באקומען הייאר האט פאר „לשון און לעבן" צוגעשיקט 200 דאלער — א גרויסן יישר כוח!

*　*　*

בר־כוכבא נאראד, פון פערלאג נאראד־פרעס פארט אין א שליחות קיין ישראל.

---

דער קולטור־קאמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאנגרעס
און דער פאריין פון יידישע זשורנאליסטן און ליטעראטן אין ענגלאנד

**איינלאדונג צו אונזער**

## לעבעדיקע צייטונג

**וואס וועט פארקומען**

זונטיק, דעם 18־טן דעצעמבער, 1966, פונקט 3 א זייגער

**אין**

אונטער דער רעדאקציע פון **יוסף פרענקעל**

1. ד״ר שלמה ביקל — צו זיין 70־טן געבוירנטאג — מ. זילבערבערג
2. יעקב גלאטשטיין — צו זיין 70־טן געבוירנטאג — יואל צאנג
3. דאס ה. לייוויק־הויז אין תל אביב — ש. י. הארענדארף
4. נעא־נאצים אין דייטשלאנד — חיים פינער

**איינטריט פריי**　　　**קומט אין צייט**

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 420)　זיבן און צוואנציקסטן יאר　דעצעמבער 1966 לאנדאן

## צו מיינע 8 לידער אין היינטיקן חנוכה - נומער

ווי ס׳איז צו זען אויפן שער בלאט בין איך מיר שוין ב״ה א רעדאקטירער, א קימלן, פון 27 יאר. אבער די ערשטע רעאקציע אין מיר ביי געשעענישן (נישט נאר סוביעקטיווע!) איז ביי מיר נאך אלץ דאס ליד, נישט דער לייטארטיקל — מיין אוניווערז איז נאך אלץ מיין שטראם־גראם־פערז.

איז הערנדיק די פריילכע בשורה מכוח דעם הייאריקן נאבל־פרייז האט זיך קודם־כל ביי מיר גענומען דרייען דער „עבדים היינו"־תירוץ: ווי קומט עס, א היימישער ייד, א תלמיד־חכם, א שרייבער זאל אין די יארן 1940־46, נישט האבן אנגעשריבן א וואגיק בוך איבער דעם וואס ס׳איז געשען. זוכנדיק א מליץ־יושרדיקן תירוץ האב איך אנגעשריבן, די מליצה, דאס ליד „שמואל עגנון דער מעשה דערציילער".

טראכנדיק וועגן נעלי זאקס, איז אין מיר אויפגעשווומען גאר א גרויסע אייפערזוכט: כ׳האב געזען פאר מיינע אויגן עלזע לאסקער־שילער; — די גרעסטע דייטשע דיכטערין נאך היינריך היינע! אויב היינע האט געמאכט גייסטיק שוועבן אין זיין לייכטן פערז דאס שווערע, רעאל־מענטשלעכע לעבן, האט לאסקער שילער געמאכט רעאל דאס געטלעך שוועבנדיקע, דעם אין סוף, אין איר וואגיק שווערער סטראף, — ווי זי בראדיעט ארום אין די ירושלימער א פארלאזענע, א מטושטוש אפגעשליסענע. און אידער וואס, אידער ווען, ביז כ׳האב געפונען נעלי זאקס בוכל האב איך אנגעשריבן דאס ליד צו עלזע לאסקער־שולער.

אויב דער גרויסער עברית־שרייבער עגנון האט זוכה געווען צו זיין דער מתרגם פון יידישן בעל־פה אין העברעאישן שבכתב, דעם שטעטלישן קול־העם־פאלקלאר מעלה צו זיין צו די הרי־יהודה, האט עלזע לאסקער שילער ארונטערגעברענג ירושלים של מעלה אויף אונזער וואכעדיקער ערד, וואס נידערט אלץ מטה מטה —

נאך איבער 30 יאר גענומען א דייטש בוך אין האנט אריין און געליינט די חורבן־לידער פון נעלי זאקס.

מילא, האב איך געטראכט: אויך נאך גוט, אז די חסידי אומות העולם קאנען מיט אונז כאטש אזוי ווייט מיל פילן — אין דעם קליינעם ביכעלע זיינען דא עכטע און טיף דערפילטע לידער. אבער דער־זעענדיק אויפן שער־בלאט, אז שוין 1946, האט שוין די דיכטערין צוגעשיקט די לידער קיין דייטשלאנד דארטן זיי אפצודריקן, האט מיר דער פאקט מער ווי־געטון ווי דער וויטאג וואס געפילט אין די געדיכטע: „איך נשיר שיר ד׳ על אדמת נכר"?

„א שפחה האט געזען ביים ים
דאס וואס יחזקאל האט נישט געזען”.
א וואונדער, אז מען שטייט דערביי?
מען זעט אז אזעלכעס קאן געשען?
אבער לאחר המעשה —
די שפחה געבליבן וואס געווען.

דער היינטיקער חנוכה איז ביי אונז א טאפלטער יום־טוב: „א תלמיד חכם בא לעיר” — עגנונס באזוך אין לאנדאן! דער ברוך הבא איז פארבונדן מיט א פרעסע קאנפערענץ דירעקט ביים עראדאם, און ביים קאקטייל אין ישראל אמבאסאדאר, וועט דער חשובער גאסט „ענטפערן אויף פראגעס”.

איז איידער איך זאל ארויס מיט מיין קלאץ־קושיא: „גלויבט איר טאקע, חבר עגנון, אז אייערע פרומע דערציילונגען אויפן דייטשן ראדיא, וועלן ברענגען די דייטשן צו תשובה? און וואס איז מיטן „אחטא ואשוב”?... איז איידער וואס ווען זינג איך מיך מיין „פריילעכס”: טרא־לא־לא, טרא־לא־לא... „בלייבט דאך אלץ די אלטע קשיא? ענטפערט מען דעם אלטן תירוץ ווידער” — „עבדים היינו”.

וואס איז דא מאריך? צו זיין ס׳איז דאך שמונת ימי חנוכה, געשעען נאך נסים אפילו אין אונזערע הייטיקע טעג: א וואך צופריער באוויזט זיך אין אונזער שטאט געסט: דער בארימטער שרייבער מרדכי שטריגלער וואס ברענגט אריין א שטיקל יום־טובדיקייט אין אונזער קליינער שרייבערישער משפחה. אין גראד אויף די טעג פון חנוכה איז דא צו גאסט אהרן ווערגעליס, דער רע־דאקטאר פון „סאוויעטיש היימלאנד” — יא חרם, נישט חרם... איך בכל אופן, פריי מיך אויף ווערגעליס באזוך, ער האט מיר געברענגט דאס 8טע ליד פארן היינטיקן חנוכה נומער.

## שמואל יוסף עגנון, דער דערציילער

און ווען זיי באפאלן אים, אין דער חשכות פון דער נאכט,
זיי שטעלן זיך, די בוטשאטשער, פאר זיינע אויגן,
אין איין פחד צעצאפלט, טאפט ער זיך ביים קאפל,
און אליין ר׳בלייבט ליגן — א טויטער אויסגעצויגן.

שלאפט ער, חלומט ער, מישט זיך אים א מעשה אין קאפ?
און כלחוך א השיר, קאיאר, נאך איידער ס׳נעמט טאגן,
יאגט ער שוין, א שטן, תפילין־זאק אונטער ארעם,
אין שול אריין קדיש־יתום בציבור צוזאגן.

„יתגדל ויתקדש”, צעוואקסט זיך אין אים א צער —
6,000,000! נולן אין נולן, עיגול אין עיגול — — —
און צוריק, פארכשופט אין די געדרייטע געסלעך,
שלעפט זיך מטושטוש א תם, צו גאר נישט מער מסיגול.



קוים אהיימגעפינענדיק, א בלינדער טאפנדיק,
אן אבל אויף שבעה־בענקעלע ער בלייבט זיצן —
א טאטע נאך זיין איין און איינציקן בן־יחיד!
פלוצים זיינע אייגן מיט טרערן נעמען בליצן —

מיט א שמייכל, פון זונס חכמה ער נעמט דערציילן:
המצאלעך, הלצהלעך שפיצלעך און וויצן — — —
מבוסימדיק־צעמישט ר׳וואלט געווען, מבולבולדיק־צעחושט,
פארגעסן אינגאנצן, אז כלו כל הקיצין.

## עלזע לאסקער - שילער

איז דאך דיין שטאט נישט געווארן פארלענדט,
דו, א לעבעדיקע, איבערצובלייבן,
א נאבלפרייז יובלדיק צו קריגן,
פאר דיינע חורבן־לידער וואס וועסט שרייבן;
אין א ים פון טרויער טיף־געזונקן,
אויפן דנא פערל־טרערן צונויפצוקלייבן —

צוקן, פארצוקטע, אויסצוטרוקענען,
מיט אש־שטויב דאס געשריבענע צו באשיטן!
אין דיין בלוט דיין פען תמיד געטונקן —
פון לעבעדיקן לייב ארויסגעשניטן,
דיין אפן הארץ אויף דיין האנט געלעגן,
א צאפלדיקס פון ליבע־צער צעליטן.

אין א קאראלן־דארן פארקזשאקעט,
דיין פלאמיק־צעכוואליעט, פרייד־צעברויזט לעבן;
צעקרעלט צעשניטן, בלוטיק צעשנירלט,
זיך אינגאנצן אין פלאם אוועקצוגעבן;
צו באצירן, כלה צו באקראנצן,
דיין שטאט, דיין גין־גאלדענע — „פרינץ פון טעבן”.

נישט קיין בילד — א סארנע דערשראקן־ווילד,
לויפט־אן, אויף טרוקענער צווייג, טלא מ׳הערט טרעטן;
דיינע ווערטער — פויגלען אויפגעפליגן!
זיי זינגען נישט — צו גאט פארציקט זיי בעטן;
דאס הארץ בלייבט שטיין — אין שוויגן פארקזשאקעט,
די בליקן פליסטערן שטיל מיט — מען דערזעטן.

ווי בלוילעך טונקל, ווי סודותדיק גרין,
מ׳הערט אים גיין אויף די שפיצן פון דיביימער;
רעדט מען צו זיך, צי עמעצן מען הערט?

מען ווערט אליין א סוד, א מין געהיימער:
וואס ווייסן מיר, ס׳ביסל שכל אונזערס,
אז אלצדינג אזוי־צוזאגן, איז — „לאמור" — —

זילבער־און גאלד־פאפירל, צער־צעגלאנצט,
באפליגט טונקל שטריכל, פוכיק לייכטן;
מיט דיין בליק, צניעותדיק, שווארץ־פארשייטן,
צארט־צאפלדיק באפארבן און באפייכטן —
פון דיינע ווענט, קינדיש מרה־שחוריק,
די כותל־מערבי פלעגט אראפלייכטן —

— — — — — — — — — — — — — — —

אויפן הר־צופים אויבן ליגסט דו איצט,
צו זען ווי דיין שטאט אויפגעבויט וועט ווערן,
דיין צאפלדיק הארץ — י—רו—ש—ל—ים —
גאט אליין שפיגלט זיך אין דיינע טרערן!
העכסטן פרייז דיינע לידער באקומען,
זע, צו אונזער אייביקייט זיי געהערן.

## שטריגלערן

(ביים באגעגענען און ביים געזעגענען)

ווי לאנג סטראיען געשפאנטע סטרונע מען מוז,
איידער א טאן ריכטיק ארויסצוקריגן;
וויפיל געפלאפל פון ליפן ביז איין ווארט,
וואס וויינט אונטער הארץ און קאן נישט איינליגן.

אויב נישט ווי סאקראטעס איז ווי ישעיה — —
דו ביזט געווען ס׳לאם צווישן לייבן־לאפעס,
ווי צעריסן עס מוז זיין הארץ דיינס, און מיינס,
פיל ווי ס׳צאפלט, נעם עס ארויס, דערטאפ עס.

אין צייטן אזעלכענע, פארבלוטיקטע,
וואס מיינט עס צו זיין א יידישער שרייבער,
אויב נישט מיטן גאנצן נשמה־ציטער,
מיט צאפל לעצטן פון אונזער לייבער.

מען קען באלעבן, דערלעבן א צווייטן,
אויב נאר אינגאנצן זיך אוועקצוגעבן;
מיט אונזערע הארץ־פעדעם צעריסענע,
געפלאצטע סטרונעס פארנקיפן, פארוועבן.

מעגן בלאזן די ווילדסטע שטורעם־ווינטן,
ווי לאנג נאר געסטראיעטע הארפן שפילן — —



געפלאצטע סטרונעס צומאל קאן מען נאך אויך,
איבער פיילנבויגן שפאנען און צילן.

ווי וויינענדיק עס פייפט א פייל אין איר פלי —
א הארפע וואס באגלייט א שטילע תפילה!
„תפילה לעני כי יעטוף", איז דאך מיר
נישט פארגונען געווארן דאס אפילו.

צי איז דען נאך דא א גרעסערער אמת,
ווי אויסצוטרינקן דעם פולן גיפט־בעכער?
„ואהבת לרעך כמוך" — — —
פאראן א ליבשאפט, נאך טיפער, נאך גרעסער.

אויב נישט ווי סאקראטעס, איז ווי ישעיה,
און די אחרית־הימים מוזן קומען;
ביזט דו נישט דער סימן, דער סימבאל,
קיינמאל קיינמאל, מיר וועלן נישט פארקומען.

## „אין די וווינונגען פון טויט"

שפיז־געשפיצטע, שווערד־געשארפטע בוכשטאבן דויטשע,
מיט זיי יסורים אונזערע פעסט האלטן צו קענען?
מיט די „זאנגע וואנגע" און „מאנד אונד שטערנע"־ווערטער,
באוויינען קינדער וואס אויף די שייטער־הויפנס ברענען?

נישט אין וואלפגאנג פאן געהטעס זכות און נישט אין שילערס,
אפשר אין זכות פון דעם געפייניקטן העלדערלינען;
דערשפירנדיק די רשעות פון זיין שענדלעך דויטשלאנד,
באגראבנדיק זיך פון חרפה, אראפ ר׳איז פון זינען.

אך, ווי כארכלענדיק־עכט דאך מאנכע די געדיכטע,
צי קאן מען ביי זיי ווי ביי א קינה זיך צעוויינען?
די בוכשטאבן — געשפענסטער פון גאטישע פענסטער,
לאכן דיר ווי לצים אין פנים אריין ביים ליינען:

הקול קול רחל — אז ס׳נעמט זיי אין דער האנט אריין,
א גוי, א דייטש, א גוטער גערמאנישער פארברעכער,
פון די גאז־קאמערן, די קרעמאטאריע־קוימענס,
גייט־אויף א ווייררויך־דאמף אין זיינע וואטאן־נאזלעכער.

ווי פרום נישט פרעפלען, די אויגן ווי נישט פארגלייזן,
אין די ידי־עשיו שווארצע פאטשערקעס וועלן ווערן,
קרעלן אויפגעצויגן פון פארגליווערט יידיש בלוט,
פערל־שנירלעך פון טיפן ים פון אונזערע טרערן.

## גוּיִים - נחת (א פריילעכס)
(צו זינגען מיט ניגון פון א שבתדיקער זמירה)

ווי אזוי דעם נעבעכדיקן מיט א יתומה,
אויפן הייליקן ארט א חופה מאכן געקענט,
אז זיי די ערשטע אויפן פייער געגאנגען,
מיט קאלך באשאטן, אין אש אויף די שייטערס פארברענט ?

איז טאקע איצט, נאך דער מגיפה, — „פאכופיע״ ! —
אים אין סטראקעס, אינם הויכן קאפל אויסגעצירט,
זי, אין שטערן־טיכל טיף איבער די אויגן,
אין שול אריין צום אויסנעמען, האצקעדיק, געפירט.

נאכן יום־כיפורדיקן גרויסן „על־חטא״ — ער,
פון דער כשרער מקווה צוריקגעקומען — זי ;
קניינע־הארע, מחותנים, חתונה־געסט,
פאר טיר און טויער דעם „דאברי־דזשען״ שוין פון גאנץ פרי.

צום באדעקנס געגאנגען, די חופה־שטאנגען,
עס ברומט בייז דער באס, א וויינעדיקס די פידל שפילט ;
„כלה לעבן, כלה לעבן״, ציט דער בדחן :
„א יתומה נעבעך, וואס וואלט היינט די מאמע געפילט״.

דאס קאצן־מוזיק געיאמער וואס הינטער זיי,
און מיט טאנצן און פויקן, אויף טישן און אויף בענק ;
אקייגן טאנץ שוין די באבע מיטן קוילעטש :
„מעטשע־שעם, איבער יאר אויף שלום זכר ביי ענק״.

דרשה־געשאנק, הקצן, הנגיד, הגביר,
פון כלה׳ס צד, פונם חתנס צד — עס פאלט, עס פאלט !
איבער שבעים זי שוין, קרוב די שמונים — ער,
אלט, קאלט, איז זי שיטערלעך די דרשה וואס ער האלט.

גאלדענע־יויך, יחיד־שטיבל, שלאפן פירן,
די אונטערפירערינס ווארטן שוין אונטער דער טיר ;
וועקט זיי נישט אויף, חלום זייערער אזוי זיס,
עד מאה ועשרים זי מיט אים און ער מיט איר.

א קאפל מיט גאלדענע רענדלעך איר צוגעווארפן !
ווי זיי מערן זיך און ווערן אלץ מערער און מער,
ווי די שטערן אין הימל, ווי דער זאמדביים ים — —
ס׳הענגט לבנה בלאס אויף הימל נעבעך — א יתומה־טרער.



## די דייטשן מיט די לאנגע בייטשן

די דייטשן מיט די לאנגע בייטשן,
זיי זיצן שוין ווידער הויך אויפן פערד ;
גיט זיי די אטאם־באמבע אין האנט,
און דויטשע ארדנונג הערשט איבער דער ערד ;
גיט זיי די וואסער־באמבע און ווי —
מיט אקעראייזס זי איבערגעקערט.

וועלן שוין א צעגרוב טון די ערד,
בעסער ווי מיט סאכע געמאכט פון שווערט.

מען ברויך בלויז צי זיצן אין זאטל
און יעדער ווארף געטראפן פונקט אין ציל ;
הערט, פרעדיקער גרובער, נישט אין קירך,
ער פרעדיקט שוין אין איזראליטן שיל :
„דעמלט, איר ניויארקער יידס ווו געוועזן,
געראטעוועט פון אייך כ׳וואלט גאר גאר פיל.

„עס גיט זיך גאט מיטן מענטש א שפיל,
פון די זאכן וואס ווייסן מיר פיל . . .

„יעצט קומט איר און עפנט גרויס א מויל,
קייגן דער דייטשער מארטירער נאציאן !
דער שכר וואס געוועזן קריסלעך־גוט,
דאס איז ווען מען העלפט דעם קליינעם קאן ;
ווי ליב אויסגעזען ר׳האט דעמלט,
קירכנגלאק געצויגן : גלין־גלאן, גלין־גלאן.

„אין, אווע־מאריע זיין זיסער טאן,
אצינד סינאגאגן־פאטראן — פארדאן״.

די דייטשן מיט די לאנגע בייטשן,
שטעלן שוין ארויס דעם גרויסן ביר־בויך ;
פון מינכענער קעלער יענס גרעבצן
עס הערט זיך שוין, אז ס׳גייט אזש ארויך :
אצינד וועלן מיר שוין אויפבויען,
א קרעמאטאריע — וואלקנקראצער הויך !

נישט א הימלער־דענקמאל — צו געברויך !!
אויף בלויסן ווארט בלויז גלויבן מ׳מעג זיי אויך.

די דייטשן מיט די לאנגע בייטשן,
גלוסט זיך שוין ווידער מיט בייטש טון א שמייס ;

קדישן־רינג אפשניידן מיט פינגער,
גאלדענע ציין פון מויל געבן א רייס ;
זיצן אויבן אן ביים האזארד־קאן,
און סטראשען די מייז מיט פאלטשע פיר טייז.

מיט זייער טיכטיקייט, זייער פלייס,
צו שטיין שוין ווידער גרייט צו אלדאס־בייז.

## א קערטל ביים גרינעם שטאט - טיש

זיי זיצן געמיטלעך ביים שטאם־טיש,
קייען ציגארן, פארטרונקן מיט ביר,
דאס פעשל קארטן גייט פון האנט צו האנט ;
מישנדיק די פיר שטיקלעך אייכל,
שמייכלט קיזינגער זיין הימלער־שמייכל,
און מיט די טויז רויט אין האנט ווילי בראנד.

געמיטלעך וואס איז זיך צו איילן,
בורשטין קלאר שוימט זיך ס׳מינכענער ביר,
רינגעלעך רויך קייקלען בלוי פון ציגאר ;
געפינענדיק ס׳שטיקעלע שעל־טרומף,
זינגט מען זיך שעלמיש צו ס׳„הארסט וועסל"־ליד,
ס׳קאן־טעצל צו זיין קופקעלע א שאר.

שכורלעך געמיטלעך גייט דאס שפיל,
און אין די ביר־פארגאסענע העלדזער,
פונם בלוטיקן ליד א כאר שוין ווערט ;
און העכער פון אלע ווילים קול,
מיט בויך־שטימע, מיט גראבן גנאסע־באס,
גארגלדיק ארגלדיק זינגען מען הערט.

געמיטלעך שמייכל דער קיזינגער,
ווי ווילי בראנד מיט די טויז רויט אין האנט,
דרייט זיך אויף זיין שטול — אויפן מארק א נאר ;
און דער קליינער קאן, דער קיביצער,
נישטערט ארויס שוין ס׳ביסל שוידער־געלד,
פון אש־טענצל — א שפיץ פון א ציגאר.

## ווערגעליסן צו זיין חנוכה - באזוך אין לאנדאן

א.

א טראפעלע בוימאייל בלויז געבליבן,
נישט אומריין געווארן פון טמאים־הענט,
מיט דער חתימה פון כהן־גדול,
און זע ווי עס לייכט, ווי עס שיינט, ווי ס׳ברענט.



עס ציט זיך דאס פלעמל פונם קנייטל,
א ציטערדיקער טאן פון א פלייטל.

„ובשעת חרם מניחו על שלחנו" * — — —
און פון גרויסן נס געזונגען דאס ליד,
מיט אייגענע הענט באשיצן ס׳פלעמל,
בעסטער סימן אז ס׳ברענט — ווי הייס עס בריט.

בלויז נישט א וויוויסקע פאר קלייטל,
ס׳אנגעצינדענע הייליקע קנייטל.

ב.

ווען נישט דער שמש וואס צינד זיי אנעט
וויאזוי וואלטן זיי פלאמיק געברענט ?
ס׳ביסט אייל ווי הייליק עס זאל נישט זיין,
אן אים צי וואלט עס לייכטן געקענט ?

חושכדיק־פינסטער, וואכעדיק־אייטל —
שנויצל שוין געהאנגען וואלט קנייטל.

נישט אין א כהן גדול קריגעלע,
געחתמטן באשיצט און באהיט ;
אונטער קופע־אש טליענדיקער פינק,
אין אלדע בייזע רוחות אויפגעגליט —

שמן־זית געטובלט על־חטאל.
ער צינדט דאס אן כפל־שמונה־קנייטל,

ג.

יא, ס׳איז עכט די גילדענע מטבע,
אין זיבן פייערן אדורכגעברענט ;
אין פינסטערסטן ווינקל זיך פארקייקלט,
18־גראדיק — קוראנטיק דערקענט.

נישט אין גראבן טייסטער, גרויסן בייטל —
פאר ארעמאן צו קויפן א ברייטל !

נישט אויסגעטווישט עס ווערט אזא רענדל,
אין ווייטסטן פון אונז נאך ס׳פינטעלע גליט ;
צי נישט איציק פעפער אומשטערבלעך איצט,
מיט זיין טראציק שטאלץ ליד „איך בין א ייד" ?

אויף דעם ברענענדיקן שיימע־זייטל,
געווארט אויף שייטער לעצטער האלץ־שייטל.

מיכאל זילבערבערג

## א צוזאמענטרעף מיט ש״י עגנון

געווען איז דאס מיט אייניקע יאר צוריק. זייענדיק אין ישראל, האב איך געוואלט זיך טרעפן מיט דעם גרויסן דיכטער שמואל יוסף עגנון. אין משך פון יארן איז מיר עגנון געווען זייער נאנט, איך האב כסדר נאכגעפלאגט יעדע נייע דערציילונג, יעדן נייעם בוך און געווען באגייסטערט מיט זיינע שאפונגען.

גאנץ באזונדער האט אפעלירט צום לייענער זיינס א דערציילונג, זיינס א בילד נאך דעם גרויסן חורבן פון יידן אין אייראפע. די פשוטע און פאלקסטימלעכע בילדער פון זיין אמאליקער סביבה זיינען געווען ווי א נר תמיד צו די אלע פארשניטענע שטעטלעך אונדזערע, אזוי אין פוילן ווי אין שכנותדיקע לענדער. א לעבנגעבליבענער פון פוילן, האט ממש געשלונגען יעדעס ווארט, יעדע שורה פון דעם איצטיקן לאעראט; אין די שווערע טעג נאך דער באפרייונג זיינען די ביכער פון ש״י עגנון צעכאפט געווארן ווי עפעס אן אבן טוב, זיי זיינען געווען א טרייסט פאר יעדן פון אונדז.

ווי געזאגט, האב איך געוואלט זיך טרעפן מיט דעם גרויסן קינסטלער, עס איז אבער ביי מיר געווען א ספק, צי אזא צוזאמענטרעף וועט זיך איינגעבן אן א וועזנטלעכער סיבה — קומען אזוי זיך אן א רעקאמענדאציע, וועט זיך דאס אודאי נישט איינגעבן.

גראד בין איך געווען ביי א פריינד מיינעם אין מוסד־ביאליק אין ירושלים, און שמועסנדיק האב איך דערמאנט אויך וועגן מיין ווונטש צו פארבינדן זיך מיט ר׳ שמואל יוסף עגנון. איך האב נישט אויסבאהאלטן מיינע ספקות וועגן דערפאלג פון אזא זאך. מיין פריינד האט מיך אויסגעלאכט. עס איז גענוג, זאגט ער, צו טעלעפאנירן און אפריידן א שעה, דאס איז א גאנץ לייכטע זאך. און כך הווה. גלייך טעלעפאנירט און אן שום שוועריקייטן באשטימט א שעה ביי עגנונען אין הויז.

דער צוזאמענטרעף, אייניקע טעג פאר סוכות, איז געווען פאר מיר א גרויסע איבערלעבונג און אלץ איז פארבליבן אין מיין זכרון ווי עס וואלט היינט געשען, נישט מיט יארן צוריק.

שוין פון ערשטן בליק האט עגנון אויף מיר געמאכט א קאלאסאלן רושם, ער האט טאקע אויסגעזען אזוי ווי איך האב מיר אים פארגעשטעלט פון זיינע ווערק, הגם איך האב אים קיינמאל נישט געזען. אזוי איז מן הסתם מיט יעדן קינסטלער — אויפן סמך פון די ווערק, שאפט מען זיך א בילד וועגן דעם מחבר.

פאר אלעמען האט שטארק אימפאנירט זיין פשטות, זיין באשיידנקייט, זיין דירעקטער צוגאנג אין פערזענלעכן קאנטאקט מיטן קינסטלער האט זיך נישט געפילט קיין שמינית שבשמינית פון גאווה, פון שטאלץ און איינרעדעניש, וואס איז אפט כאראקטעריסטיש פאר גרויסע און טאלאנטירטע מענטשן.



געקומען אין שטוב ארײַן בין אך גראד, ווען ער איז געשטאנען און געדאווענט מנחה. די פרוי האט מיך ארייַנגעפירט און קאבינעט און געשטעלט כיבוד אויפן טיש.

אנגעהויבן האבן מיר פון אלגעמיינע ענינים און צו ביסלעך איבערגעגאנגען צום עיקר. און וואס איז געווען דער עיקר?

ווען ער האט דערהערט, אז איך קום פון ווארשע, אז איך האב איבערגעלעבט די מלחמה־יארן אין דער שטאט, האט ער שוין נישט געהאט קיין צווייטע טעמע, פארלאנגט איך זאל דערציילן וועגן אלעם, וועגן לעבן אין געטא, וועגן די גייסטיקע אנשטרענגונגען פון יידן און געטא און אויך וועגן זייער אומקום. גאנץ באזונדער האט ער געוואלט וויסן וועגן רבנים, רעליגיעזע מענטשן און בכלל וועגן די שטימונגען צווישן די רעליגיעזע מענטשן.

אודאי האב איך געוואלט עפעס הערן פון אים אליין, צו דעם איז אבער אין אנהייב נישט געקומען. ער האט כסדר איבערגעחזרט — דערציילט, דערציילט ווייטער. גראד איז ארייַנגעקומען א שכן, אן אדם חשוב, א למדן, וועלכער האט כסדר געוואלט שטעלן פראגן. עגנון האט אים איינגעשטילט, געבעטן ער זאל בעסער זיצן און הערן, נישט שטערן. עגנון איז געזעסן א דערשראקענער, געשלונגען יעדעס ווארט. געקוקט אויף מיר מיט טרויעריקע אויגן און זיך איינגעהערט מיט זיין גאנצן וועזן.

פאר מיר איז דאס אלץ געווען א באזונדערע איבערלעבונג; איך האב אפט געהערט פון באקאנטע יידישע פערזענלעכקייטן, אז מען דארף פארגעסן, גענוג, גענוג שוין געהערט וועגן חורבן, און דא אומגעריכט אזא איבערראשונג. עגנון האט אין זיך איינגעזאפט, ארייַנגענומען יעדן פרט, געווען אן אמת׳ער משתתף בצער, א מיטשותף צו אלעם, וואס איז דארט געשען, ווי עס פאסט טאקע פאר א גרויסן יידן און פאר א גרויסן דיכטער. איך בין געזעסן מיט א נאנטן, מיט א היימישן פוילישן יידן, וועלכער האט אין דעם מאמענט דורכגעלעבט דעם גאנצן חורבן אונדזערן.

זיצנדיק מיט דעם דיכטער, האב איך זיך גראד דערמאנט אין מיין ערשטן צוזאמענטרעף מיט שלום אש אין לאנדאן. ער האט אויך, אזוי ווי עגנון, געוואלט וואס מער וויסן וועגן חורבן, בפרט וועגן חורבן פון די יידישע שטעטלעך. איך האב דאס בכיוון דערמאנט איצטביים צוזאמענטרעף מיט ש״י עגנון. איך האב געוואלט הערן פון אים א מיינונג וועגן אשן. און דאס איז טאקע געשען.

ווען איך האב דערמאנט אשן, האט מען געקאנט זען, אז עגנון איז גרייט עפעס צו זאגן, און איך האב גלייך איבערגעריסן.

עגנון האט איבערגעגעבן, אז צום לעצטן מאל האט ער געזען שלום אשן אין האטעל פון מלך דוד אין ירושלים. ער האט אים דארט געזען, אבער אויסגעמיטן צוליב דער באקאנטער העצע, וואס איז אין דער צייט אנגעגאנגען קעגן דעם שרייבער. עגנון האט צוגעגעבן, אז ער האפט, אז אש האט דאס נישט באמערקט און עס איז נישט געקומען צו דעם המלבין פני חברו ברבים.

ער האפט אויך, אז דער נפטר איז אים מוחל, נישט געקוקט אויף דער עוולה, וואס ער איז באגאנגען קעגן אים.

ביים סאמע סוף האט עגנון געוואלט הערן וועגן יידישן לעבן אין ענגלאנד, וועגן יידישקייט אין אונדזער מדינה און בפרט וועגן רעליגיעזן לעבן פון ענגלישע יידן.

ווי שוין געזאגט, איז דאס געווען מיט יארן צוריק, איך בין נאך דעמאלס געווען א קליינער חסיד פון דעם שטייגער־לעבן פון יידן פון ענגלאנד, דער גאנצער דרך זייערער האט ביי מיר אויסגעזען לעכערלעך, נישט קיין יידן, נישט קיין יידן, נישט קיין ענגלענדער. איך האב דאמאלס געלעבט מיט דער פארגאנגענהייט, מיט דער פארשוונדענער יידישער וועלט, מיט אמאליקער יידישקייט. דאס האט אבער נישט געגעבן קיין רעכט צו קריטיקירן ענגלישע יידן, מיט זייער התנהגות, מיט זייער יידישקייט און מיט זייערע אינסטיטוציעס. איך האב דאס געזאגט דעם גרויסן קינסטלער און צוגעגעבן, אז כדי צו ענטפערן אויף דער פראגע וועגן יידן אין ענגלאנד, בין איך גרייט צו דערציילן א מעשה פון אמאל, וואס האט געטראפן מיט יארן צוריק אין פוילן.

עגנון האט געבעטן איך זאל טאקע דערציילן און עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האט שטארק הנאה געהאט פון דעם. א סימן האב איך געהאט שפעטער, ווען עגנון האט איבערגעגעבן פאר די לייענער פון „הארץ״ אין ירושלים וועגן מיין באזוך ביי אים און גלייכצייטיק איבערגעחזרט די מעשה, וואס איך האב ביי אים אין שטוב דערציילט.

געווען אין קראקע א רייכער האלץ־סוחר, פלעגט ער אליין פירן האלץ פון קראקע קיין דאנציק. דאס האלץ איז וואכן געשווימען מיט דער ווייסל און דער סוחר האט די גאנצע צייט פארבראכט אויפן טייך. געהאט האט ער מיט זיך א משרת, א גוי, וואס האט געדינט ביי יידן אלע זיינע יארן. דער גוי האט אויסגעצייכנט געקאנט יידישע מנהגים, געוווסט פון יידישן שטייגער־לעבן און גערעדט יידיש ווי א ייד.

אז עס איז געקומען ערב שבת, האט זיך דער ייד אפגעשטעלט מיט דעם האלץ ביי א יידיש שטעטל, ער איז אבער געבליבן איבער שבת אויף די אזוי גערופענע טראטוועס. ער האט יעדן פרייטיק געשיקט זיין משרת אין שטעטל אריין, און דער משרת האט איינגעקויפט, לכבוד שבת, פיש, חלות און אן עוף. דער גוי האט שוין געוווסט, אז קויפן קויפט מען א לעבעדיק הינדל, מען גייט צום שוחט און דער שוחט גיט א חתימה, אז ער האט דאס געשאכטן כדת וכדין. אזוי איז געווען אין אלע שטעטלעך ביז זיי זיינען געקומען צו דער אמא־ליקער דייטשישער פראווינץ. ווען זיי זיינען געקומען קיין טוירן, האט זיך דער משרת ווידער געלאזט אין שטאט אריין איינקויפן פאר זיין באלעבאס אויף שבת. שווער געווען צו געפינען א שוחט אין שטאט. לאנג געזוכט און געפונען. דער גוי קלאפט אין טיר, עס עפענט א פארשוין, וואס האט נישט אויפן אויסזען קיין סימן פון יידישקייט, נישט קיין בארד, נישט קיין פאות, אפילו נישט קיין קאפאטע. דער גוי פרעגט, פארשטייט זיך אין יידיש, ווו איז



דער שוחט. דאס בין איך דער שוחט, ענטפערט דער מענטש. ער נעמט ארויס א קאפעלע, א חלף, מאכט א ברכה און שעכט דאס הינדל. אלץ איז פיין און שיין, דער גוי פארלאנגט אבער פון שוחט א חתימה, ווי דער דין איז. דער שוחט קוקט אויף דעם משרת מיט בייזע אויגן און פרעגט אין כעס — וואס, דיר דארף איך געבן א חתימה, דו ביזט קיין ייד נישט? אויף דעם האט דער גוי געענטפערט — ווען איך וואלט געווען א ייד, וואלט איך פון אייער שחיטה נישט געגעסן . . .

עגנון האט געשמייכלט, די מעשה האט נישט געדארפט האבן קיין שום פירוש; מיר האבן זיך געזעגנט, אבער עגנון האט מיך נאך באגלייט צום אויטאבוס, נאכאמאל זיך געזעגנט און געווינטשן א פריילעכן יום־טוב.

## יוסף לעפטוויטש

### פ ר י י ד

מיין פרייד טראגט א ווייס קלייד,
און א ווייסן באנד אין די האר.
מיט ווייסע שיך,
און זי האלט א קליינעם „טעדי״־בער.

זי שמייכעלט א קינדיש שמייכל,
זי האט א לאכנדיק קול,
זי גיט מיר צו האלטן איר קליין הענטל,
און ס׳איז מיר ווויל.

מיין פרייד איז אלט צען יאר,
מיין זינגענדיק מיידל,
צווישן א מחנה קינדער,
מיין שיינדל.

### מיין ליד

ביזט א ליד
וואס איך האב ניט געזינגען,
כ׳וועל דיך ניט לאזן,
פון מיין צונג אנטרונען.

דו האסט מיינע ליפן
געבראכט צו פיל גליק,
אז דו זאלסט ווערן א ליד,
און פון מיר אוועק.

דו ביזט א ליד
וואס ריזעלט אין מיין בלוט,
דאס שענסטע ליד,
וואס איך זינג עס ניט.

## י. ריכטיגער

# דער זעלבסטמארד אויפן מסדה פעלז (צו דער אויסטעלונג)

די מסדה אויסשטעלונג מאכט א טיפערן רושם אויף די באזוכער, ווי די אויסשטעלונג פון די אנטדעקטע מדבר־יהודה־מגילות האט געמאכט. עס איז קיין ספק ניט אז די עיקרדיקע סיבה איז — וואס דער מוטווילִיקער זעלבסטמארד פון די לעצטע קעמפער קעגן דעם רוימישן באצווינגער בלייבט איינגעאנקערט אין מוח פון יעדן איינעם. אבער זער פיל העלפט דערצו די אראנזשירונג אדער צוגרייטונג פון דער אויסשטעלונג. די טראגישמטעגעשעעניש פון אונזער מיט בלוט דורכגעווייקטע געשיכטע, וואס האט זיך אפגעשפילט מיט ניינצן הונדערט יאר צוריק אויפן פעלז מסדה און דעמאלט פארצייכענט געווארן לדורות פון יוסיפון, (מלחמה פון די יידן בוך 4, קאפ. 8 און 9) איז די קינסטלער געלונגען אהער צו געבן אין איר דראמאטישער גרויעלקייט.

הונדערטער געפונענע רעליקוויעס פון די אומגעקומענע האט מען אהער געבראכט, מען זעט רעשטלעך געוועבטע שטאפן פון זייערע מלבושים, א פרויען סאנדאל וואס איז נאך היינט צו טאג דאס לעצטעווארט פון פאסאן, שלעסער פון פאסקעס און קנעפּ אין פארשידענע קאלערן, גרייסן און פארמען, אזוי ווי זיי ווערן נאך איצט געמאכט. שנירלעך פאנטאזיע קרעלן, אויערינגען, פינגערלעך און אנדערע צירונג. קעם, פערפום פלעשלעך, קאסמעטישע מכשירים צו שווארצן ברעמען, וויעס און צו שמינקן דאס פנים. גרויסע ערדנע כלים — קריגן צו פרעזערווירן וויין, אייל, תבואה און פרוכטן, וואסער — קריגן, אייל־לאמפן און טעפּ צו קאכן. געפעס, באשטעק, רעשטלעך פון שפייז, געטרוקנטע טייטלען, מילגרוימען, ניסן, ווייץ־קערנער און זאלץ. האנט קוי־בערלעך געפלאכטענע פון שטרוי, זעק, מאטען און שטריק. יידישע מטבעות פון בראנז און זילבער. אלעס וואס איז נויטיק געווען צו פירן א נארמאלן בעל הביתשן לעבן האט מען געפונען, ווי אויך די האר מיטן געפלאכטענעם צאפּ פון א פרוי נאך באהאפטן צום שיידל פון איר סקעלעט צוזאמען מיט די סקעלעטן פון איר מאן און קינד, אן איבערבלייב פון דעם שוידערדיקן אומקום.

אויב מיר יידן דארפן נאך האבן באווייזן אז די געשיכטע פון אונזער לעבן אין ארץ ישראל צוויי טויזנט יאר, און קעמפן פאר אונזער זעלבסטשטענדיקייט איז אמת, האט די אויסגראבונג אין מסדה דאס ווידער באוויזן. די ביבל קריטיקער און דער גרעסטער טייל הערשער פון דער־מיטל־מזרחדיקע היסטאריע האבן אנגענומען, אז די אינפארמאציס פון יוסף בן מתתיהו — יוסיפון פלאוויוס שטימען ניט מיט דער ווירקלעכקייט. אבער איינער פון די בארומטע ארכעאלאגן — פלינדערס פעטריע — האט שוין אויפגעוויזן אז זיי ריידן נארישקייטן. נאכן צוריק געפונען די חורבות פון מקדש חוניו אין העליאפאליס — מצרים שרייבט ער — „פון דער אנטדעקונג דארף מען לערנען צו רעספעקטירן אונזערע אלטע אויטאריטעטן, ניט עס זאל זיין דער ספארט פון יעדן שרייבער צו באווייזן זיין קליגשאפט מיט אפלייקענען זיי. מען האט יוסיפון



באשולדיקט אז זיינע באריכטן זענען אומקארעקט, ווייל ער זאגט — חוניו האט געבעטן דעם דעמאלטיקן קעניג פון מצרים — פטאלעמיס — ער זאל אים דערלויבן צו בויען אין העליאפאליס אזא בית המקדש ווי אין ירושלים, און אין אמתן איז דער בית המקדש פון חוניו א סך קליינער —. וואס זיי האבן זיך געמאכט פארגעסן איז, אז יוסיפון זאגט אויך בפירוש — חוניו האט אויפגעבויעט דעם בית המקדש זעכציק קוביסט אדער ארום דרייסיק יארד הויך און פון די איבערגעבליבנע שטיינער וואס מיר האבן אויסגעמאסטן איז קלאר צו זען, אז די אנגעגעבענע הויך פון יוסיפון שטימט מיט דער ווירקלעכקייט". („עגיפטן און ישראל" ז. 118).

איצט האט יגאל ידין, דער ארכעאלאג פון מסדה, געפונען צווישן די רעליקוויעס פון מסדה א נאך מער דעפיניטיווען באווייז אז די היסטארישע אינפארמאציעס פון יוסיפון זענען אבסאלוט אמת. די אידעען פון יוסיפון וועגן די מאטיוון פון די יידישע פרייהייטס קעמפער זענען טאקע איינזייטיקע, ער — דער פאטער פון די יידישע געשיכטע שרייבער — איז געבוירן געווארן צו זיין א העלדישער קעמפער מיט דער פען, ניט מיט דער שווערד. ווען ער האט איבערגענומען צו ארגאניזירן דעם ווידערשטאנד אין גליל זענען אספּאסיאנוס און טיטוס מיט זייערע לעגיאנען געווען אין מצרים, פון זיינע מחלוקת מיט די מנהיגים אין גליל איז צו זען אז אויך די אויפגאבע איז אים ניט געלונגען דורכצופירן. ווי עס ווייזט זיך ארויס האט אספּאסיאנוס געוווסט אז די פארטיידיקונג פון גליל איז א שוואכע און דערפאר האט ער דארט אנגעהויבן די מלחמה. איינע נאך די אנדערע זענען די שטעדט געפאלן אין די רוימישע הענט און יוסיפון האט זיך מיט א קליינע צאל פרייהייטס קעמפער צוריק געצויגן אין דער פעסטונג ידפת, וואס האט זיך געפונען אויף א הויכן בארג און שווער איינצונעמען.

אבער ער איז געווען א פחדן און געציטערט פאר זיין לעבן, ווי עס זעט אויס האט אספּאסיאנוס דאס געוווסט און געשיקט א געוויסן ניקנר צו אים מיט א צוזאג — אויב ער וועט דעזערטירן; איבערלאזן זיינע חברים און קומען צו די רוימער וועט מען אים לאזן לעבן, יוסיפון האט, פארשטייט זיך, דעם אנבאט אנגענומען און באראיקט זיין געוויסן מיט זיך פותר זיין אלטע חלומות, אז גאט האט אים פארויס געלאזט וויסן וועגן די אומגליקן וואס וועלן טרעפן דאס יידישע פאלק, און וועגן דער וועלט הערשאפט פון דער רוימישער אימפעריע. עס איז אים גלייכצייטיק אויך געקומען אויפן זינען פסוקים פון די נביאים פארשריבן אין תנ"ך וואס באשטעטקן זיין אויסטייטשונג. אין זיין עקסטאזע האט זיך די ווייטער ציטירטע תפלה ארויסגעריסן פון זיין הארץ: „אזוי ווי עס איז דיין רצון, באשעפער פון יידישן פאלק, צו פאריאכן דאס יידישע פאלק אונטער רוים, און דו האסט מיך אויסגעוויילט צו זיין דער פאראויסזאגער פון דער געשעעניש, בין איך גרייט צו געבן די רוימער מיין האנט און בלייבן לעבן. און איך דערקלער עפענטלעך, אז איך דעזערטיר ניט צו די רוימער, נאך איך גיי ווייל איך בין א שליח פון גאט.

ווען די פירציק פרייהייסט קעמפער, וואס זענען געווען מיט אים, האבן
זיך דערוווסט וועגן זיין פלאן האבן זיי אים געוואלט דערהרגנען. האט ער
מיט זיין געשליפנעם לשון און שארפע צונג אזוי לאנג ארגומענטירט, ביז
זיי זענען געווארן איבערצייגט, אנשטאט זיי זאלן אים טייטן און דערנאך
זעלבסט אויסגעמארדעט ווערן פון די רוימער, אז זיי זאלן זיך אלע — איינ־
געשלאסן יוסיפון — דאס לעבן נעמען. זיי האבן אנגענומען זיין פארשלאג
צוווארפן א גורל, דער ציער פון צווייטן נומער זאל דערהרגענען דעם ציער
פון ערשטן נומער, דער דריטער דעם צווייטן און אזוי ווייטער, דערציילט
יוסיפון אז צופעליק, אדער די השגחה האט געזען דערצו, ער זאל ארויסציען
דעם לעצטן נומער פון גורל און אזוי ווי ער איז געווען קעגן פארגיסן דאס
בלוט פון זיין חבר, האט ער געפועלט ביי אים זיי זאלן ביידע זיך איבערגעבן
צו די רוימער און בלייבן לעבן... („מלחמה פון די יידן" בוך 3, קאפ. 7 און 8)

דערפון איז קלאר צו זען אז מסדה האט איבערגענומען די זעלבסטמארד
אידיי, בעסער זיך דאס לעבן צו נעמען ווי אומקומען אין קאמף קעגן שונא,
פון יוסיפון. דער תמצית פון די רייד, וואס אלעזר בן יאיר פון מסדה האט
גערעדט צו זיינע חברים, צו איבערצייגן זיי אז די אידיי פון זעלבסטמארד
איז א ריכטיקע לויטן יידישן דענקן, איז כמעט ווארט ביי ווארט געווען
דיזעלבע וואס יוסיפון האט גערעדט צו זיינע חברים. דער איינציקער חילוק
איז נאר געווען וואס יוסיפון האט אויסגעטראכט די ארגומענטן צו באשווינדלען
זיינע חברים — כדי ער זאל בלייבן לעבן צו פארראטן זיי, און אלעזר בן
יאיר, וואס זאל אויך האבן געצויגן דעם לעצטן נומער, האט מיט נעמען זיין
אייגענעם לעבן באוויזן אז זיינע ווערטער זענען געווען ערלעכע.

זייענדיק א געשיכטע שרייבער האט יוסיפון פארשטאנען, אז בלויז מיט
אויסטייטשן חלומות און אפילו פסוקים וועט ער ניט קאנען בארעכטיקן זיין
פארראט אין די אויגן פון די קומענדיקע דורות, ווייל מען וועט פרעגן — וואס
אזעלכעס האט דאס יידישע פאלק געטוען צו דערצערנען גאט? האט ער מיט
זיין שארפע פען פארשווארצט דאס פנים פון די פרייהייטס קעמפער כדי צו
פארענטפערן די פראגע, אדער בעסער געזאגט — כדי זיך צו רעהאביליטירן.
מיט גיפטיקע ווערטער האט ער באשמוצט די מנהיגים פון די קעמפער־פאר
דער זעלבסטשטענדיקייט פון יידישן פאלק. ער האט זיי פאראייביקט אין זיינע
ווערק אלץ דעספאטישע קנאים, זייער אויפשטאנד קעגן רוים — האט ער
אינסינואירט — איז נאר געווען א מאסקע אדער אויסרייד צו פארדעקן
זייער טעראר קעגן די יידישע באפעלקערונג און די אפארטוניסטישע שנאה
פון איינעם צום אנדערן. זיי האבן בארויבט און אויסגעמארדעט טויזנטער
אומשולדיקע מענטשן, דאס פארגאסענע בלוט פון יונג און אלט האט געפלייצט
אין די גאס פון ירושלים, דערפאר איז ארויסגעגאנגען דער ביטערער גזר פון
הימל.

עס איז דעריבער א גרויסער ספק צי זיין כאראקטער שילדערונג פון די
פרייהייטסקעמפער האט אין זיך כאטש א קליין מעסטעלע אמת, און מען קאן



זיך אויך ניט פארלאזן אויף די באשרייבונגען אין די תלמודים און מדרשים,
ווייל פון א קריטישע אונטערזוכונג זעט מען — אז זייערע עיקרדיקע מעשה־
לעך וועגן חורבן זאנען גענומען געווארן פון יוסיפון און פאלקלאריסטיש
איבערגעארבעט געווארן. א באווייז אז די מנהיגים פון אויפשטאנד האבן זיך
געהיטן צו פארגיסן אומשולדיק בלוט איז — ווי אזוי מען האט באהאנדעלט
יוסיפונס עלטערן, משפחה און פריינד. נאכן דערוויסן זיך פון זיין פארראט
האט מען זיי איינגעשפארט ערגיץ אין ירושלים, מן הסתם אז דער אויפ־
גערעגטער המון זאל זיי ניט דערהרגנען, זיי זענען טאקע געבליבן לעבן ביז
טיטוס האט איינגענומען ירושלים און יוסיפון האט ביי אים אויסגעבעטן זייער
פרייהייט. („דאס לעבן פון יוסיפון" קאפ. 75) אבער פון די אנטדעקונגען אין
מסדה זעט מען אז אלעס וואס ער דערציילט וועגן אקטועלע געשעענישן
איז אבסאלוט אמת.

וועגן מסדה דערציילט יוסיפון — „ווען פלאוויוס־סילווא איז געווארן
רוימישער פראקוראטאר איבערן לאנד יהודה זענען אלע שטעדט און פעסטונ־
גען שוין געווען באזעצט, אויסער די פעסטונג אויפן פעלז מסדה. דער יידישער
קאמענדאנט פון דער פעסטונג — זאגט יוסיפון — איז געווען אלעזר בן
יאיר. די פרייהייטס קעמפער אונטער דער אנפירונג פון אלעזר בן יאיר האט
יוסיפון אנגערופן „סיקאריער", די גמרא האט פון אים איבערגענומען דעם
נאמען און אין גמרא לשון ווערן זיי אנגערופן „סיקריקון". (גיטין נ"ה) לויט
יוסיפו איז דער טערמין א גריכישער און ווייל זאגן „א קינזשאל" — א שארף
און שפיציק מעסער, וואס, זיי האבן באנוצט צו דערשטעכן זייערע געגנער
אומסגעריכט בעת גרויסע פארזאמלונגען אין בית המקדש. נאכן חורבן איז
געלונגען דעם אלעזר בן יאיר צו אנטרינען מיט זיין באנדע סיקאריער און
זיך באהאלטן פון די רוימער איז דער פעסטונג וואס הורדוס האט אויפגעבויעט
אויפן פעלז מסדה.

אויף דער טורעמדיק־הויכער פלאך פון מסדה פעלז האט דער רוימישער
פראקוראטאר ארויפגעבראכט זיין לעגיאן און צענער טויזנטער יידישע שקלאפן
האבן טאג און נאכט געשלעפט אויף זייערע פלייצעס, שפייז, וואסער, ווי אויך
אנדערע נויטיקע זאכן פאר די סאלדאטן און מאטעריאלן צו בויען א בריקנ־
קאפ, אויפצושטעלן די שטויס און שליידער מאשינען דורכצוברעכן די מויערן
מיט זייערע רונד געטשעשעלטע שטיינער, וואס געפינען זיך אין דער אויס־
שטעלונג און זען אויס ווי קאנאנען־באלן. ווען א טייל פעסטונג איז פון
די שטיינערנע קוילן צעשמעטערט געווארן, און אלעזר בן יאיר האט איינ־
געזען אז די איינציקע אויסזיכט פאר זיך און די ניין הונדערט זעכציק נפשות
מיט אים איז — פארברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט אדער פארפייניקט ווערן
צום טויט, האט ער באשלאסן אז די מענער זאלן דערהרגענען זייערע פרויען
און קינדער, דערנאך זאלן זיי ווארפן גורל ווער וועמען צו דערשטעכן. אזוי
ווי יוסיפון האט געווארפן גורל מיט זיינע חברים, און דער לעצטער זאל אונ־
טערצינדן דאס פלאץ ווו די טויטע געפינען זיך איידער ער וועט נעמען זיין

אייגן לעבן . . . (מלחמה פון די יידן בוך 4, קאפ. 8 און 9)

צווישן די אנטדעקטע גורל שערבלעך מיט אנגעשריבנע נעמען האט מען געפונען איינס מיט דעם נאמען „בן יאיר“. אזוי ווי דער נאמען איז א זעלטענער אין דער אלטער יידישער ליטעראטור איז דאס שערבלע אן אבסאלוטער באווייז אז די גאנצע דערציילונג פון יוסיפון וועגן דער גורל ציאונג און זעלבסטמארד פון די פרייהייטס קעמפער איז אמת אגב זענען אויך פאראן אין דער מסדה אויסשטעלונג די צוויי בריוו פון בר כוכבא צו די קאמאנדירן פון זיין ארמיי, וואס מען האט אנטדעקט אין עין גדי. אט אזוי באשטעטיקן די רעליקוויעס, וואס זענען געלעגן באגראבן אונטער די חורבות פון מסדה און עין גדי, ניינצן הונדערט יאר, די אלטע געשיכטעס וועגן קאמף פון יידישן פאלק קעגן רוימישן באצווינגער. כדי אפצושאצן דעם ווערט פון די ארכעאלאגישע אויסגראבנגען, פאר דער געשיכטע פון ארץ ישראל בכלל און בפרט פאר די ווערק פון יוסיפון, דארף מען זיך פארשטעלן וואס פאר א ווערט עס וואלט געווען פארן קריסטנטום אויב ארכעאלאגן וואלטן געפונען, אין איינעם פון די פלעצער ווו ישוע הנוצרי זאל זיך האבן אויפגעהאלטן, א בריוו געשריבן פון אים אדער כאטש א שערבלע מיט זיין נאמען וואס איז געלעגן באגראבן אונטער חורבות ניינצן הונדערט יאר? אוודאי מער וויפיל מען באצאלט איצט פאר א רעמבראנד בילד. אבער אונטער די אלטע חורבות געפינט מען נאר עדות פאר געשיכטעס וואס זענען ווירקלעך געשען, ניט פאר אויסגעטראכטע . . .

אזוי געפינט מען אויך ניט צוריק קיין רעליקוויעס פון יידישע פאנטאזיעס. ווי שוין פריער דערמאנט האט יוסיפון אנגערופן די פרייהייטס קעמפער פון מסדה מיט דעם נאמען „סיקאריער“, ווייל זיי זאלן האבן געווען באוואפנט מיט קינזשאלן. אבער מערקווערדיק צווישן די הונדערטער רעליקוויעס וואס די ארכעאלאגן האבן אנטדעקט אויפן מסדה פעלז געפינט זיך ניט קיין איינציקער פון די קורצע מעסער, כאטש א געוועגלעך מעסער מיט א ביינערנע הענטל און אפילו א סערפ איז פאראן צווישן די כלים. און פרעטענדירן אז די רוימער האבן, נאכן פארנעמען מסדה, פון גאנצן איבערבלייב דווקא ארויסגעקליבן די קינזשאלן איז אן אבסורד. מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען אז אויך די מעשה פון יוסיפון, וועגן טעראר קעגן יידן פון די סיקאריער, איז א צוגעטראכטע.

אין אמתן איז זייער קאמף געווען גאר געווענדעט קעגן רוים, זיי האבן ניט געגלייבט אז די רוימישע אימפעריע איז בלויז אויסן ארויפצווינגען אויפן יידישן פאלק איר פאליטישע העגעמאניע, פון זייער געשיכטלעכע איבערלעבונגען האבן זיי געוווסט אז דערנאך וועט קומען רעליגיעזע באצווינגונג. די הונדערט בלוטיקע יארן פון דער הורדוס דינאסטיע, וואס דער פאלאץ אויפן מסדה פעלז איז געווען אן עדות דערפון, זענען געווען יארן פון לויערנדיקע רוימישע אסימילאציע. די איינציקע וואפן וואס זיי האבן געהאט זענען געווען די ווערטער פון יהודה המכבי — „כי טוב לנו למות במלחמה מראת ברע אשר



ימצא את עמנו ואת מקדשנו. וד׳ אלהים את הטוב בעיניו יעשה“ — עס איז בעסער פאר אונז צו שטארבן אין דער מלחמה ווי צו זען דאס שלעכטס וואס וועט טרעפן אונזער פאלק און אונזער הייליקטום. און גאט דער אלמעכטיקער זאל טוען וואס געפעלט אים. (חשמונאים — א. ג׳) נאר דאס איינציקע מאל אין מסדה האבן זיי זיך פארגעסן און פארביטן זייער אמונה אויף דעם דורכגעטראכטן שווינדל פון יוסיפון — זיי האבן זיך דאס לעבן גענומען אנשטאט צו פאלן אין קאמף פאר זייער פאלק או לאנד . . .

דער טעות פון אלעזר בן יאיר איז געווען אן אמתדיקער, ער האט געגלויבט אז יוסיפון האט זיך דאס לעבן גענומען צוזאמען מיט זיינע חברים. אלעזר בן יאיר מיט זיין ארמיי האבן פארלאזט ירושלים און באזעצט מסדה באלד נאכן פאלן פון דער פעסטונג ידפת, ווו יוסיפון איז געווען דער גענעראל. מען האט געהערט אין ירושלים וועגן דער גורל ציאונג פון יוסיפון מיט זיינע חברים און געהאלטן אז יוסיפון האט זיך דאס לעבן גענומען אזוי ווי די אנדערע. דאס גאנצע יידישע פאלק האט געוויינט און געקלאגט אויף דעם אומקום פון די העלדן און באזונדער האט מען אין די אינטעלעקטועלע קרייזן באדויערט דעם טויט פון יונגען געלערטן, שרייבער און פרייהייטס קעמפער — יוסף בן מתתיהו. עס איז קיינעם, אפילו זיינע געגנער פון גליל, ניט איינגעפאלן צו דענקן אז יוסיפון האט באנוצט די גורל ציאונג אפצורוימען זיינע חברים פון וועג, כדי ער זאל קאנען אומגעשטערט איבערלויפן צו די רוימער.

ערשט ווען ער איז, ווי דער אמאליקער רבשקה דער גענעראל פון סנחרב בעת דער אשורישע באלעגערונג אויף ירושלים, דערשינען צווישן די רוימישע באלעגערונגס ארמיי דרויסן פון דער ירושלימער פעסטונג, כדי אנצוריידן די פארטיידיקער זיי זאלן בוגד זיין אין זייערע מנהיגים און עפענען די טויערן פון דער פעסטונג פאר־די רוימישע לעגיאנען, האט מען אין ירושלים געזען אז די גורל ציאונג איז געווען א שווינדלערישע, כדי צו פארראטן זיין פאלק און לאנד, און ווען די פארטיידיקער פון דער פעסטונג האבן געווארפן אויף אים שטיינער האט אפילו זיין מוטער, מיינענדיק אז ער איז געהרגט געווארן פון די שטיינער, זיך געפרייט. (מלחמה פון די יידן, בוך 5, קאפ. 8) אבער ירושלים איז שוין דעמאלט געווען גענצלעך ארומגערינגעלט, אזוי אז קיין פארבינדונג איז שוין ניט געווען מיט מסדה מען זאל דארט געוויער ווערן אז יוסיפון לעבט און די גורל ציאונג איז געווען א שווינדלערישע.

אלעזר בן יאיר האט דעריבער ניט געוווסט וועגן יוסיפונס פארראט, ער האט נאך אלץ הויכגעשעצט זיין העלדנמוט און ווען ער מיט זיין ארמיי האבן זיך געפונען אין דערזעלבער לאגע, וואס יוסיפון און זיינע חברים, איז דער זעלבסטמארד פון יענע העלדן געווען פאר אים דער בכבודסדיקער אויסוועג פון דעם טרויריקן צושטאנד. ער האט זיך פארלאזט אויף דעם גרויסן געלערטן און העלדישן קעמפער יוסיפון אז דאס איז די איינציקע ריכטיק־יידישע האנדלונג אין דער צייט. אויב מען האט אין הימל זיי פאראורטיילט אומצוקומען אז בעסער זיי זאלן זיך אליין דאס לעבן נעמען ווי געהרגט ווערן פון די רוימער.

אין אמתן האט יוסיפון באנוצט די ארגומענטן צו באשווינדלען זיינע חברים. בעת מתתיהו מיט זיינע פינף זין זענען אויפגעשטאנען קעגן מלכות יון הרשעה איז גאנץ ארץ ישראל געווען באזעצט מיט דער יונישער ארמיי, אזוי ווי זי איז געווען באזעצט פון דער רוימישער ארמיי אין דער צייט פון מסדה. די פארטיידיקער פון מסדה האבן זיך נאך געפינען אין א בעסערע לאגע ווי מתתיהו מיט זיינע זין, אין מסדה איז געווען אן ארסענאל פון באוואפנונג און מתתיהו מיט זיינע זין האבן נאר געהאט די בלויזע הענט צו קעמפן קעגן א געשולטע און פון קאפ ביז די פיס באוואפנטע ארמיי. די ארעמקייט פון פאר־טיידיקונגס מיטלען האט זיי ניט צוריק געהאלטן אויפצושטיין קעגן באצווינ־גער. אין קעגנווארט פון א יונישן אויפזעער האט מתתיהו ארויסגעריסן דאס מעסער פון דעם יידישן אפטריניקענס האנט און אים דערשטאכן צוזאמען מיט דעם יונישן אויפזעער.

שפעטער ווען מתתיהו האט געהערט, אז טויזנט מענער, פרויען און קינ־דער האבן זיך געהאט באהאלטן אין א הייל און ווען די יונישע ארמיי איז זיי באפאלן האבן זיי זיך געלאזט אויסקוילנען ניט אויפהייבנדיק קיין שטיין צו פארטיידיקן זיך, ווייל עס איז גראד געווען שבת און זיי האבן ניט געוואלט מחלל שבת זיין מיט אנרירן א שטיין. האט מתתיהו געזאגט אז אויך דאס איז ניט ריכטיק. אויב מיר וועלן אזוי טוען ווי אונזערע ברידער האבן געטוען, אויב מיר וועלן ניט שטעלן קיין ווידערשטאנד קעגן אונזערע שונאים, פאר־טיידקן יאונזער לעבן און אונזער תורה, וועט מען אונז אין א זער קורצע צייט פארטיליקן. מתתיהו מיט זיינע אנהענגער האבן דעמאלט אנגענומען. אז טאמער וועלן די שונאים זיי באפאלן אין שבת, זאלן זיי ניט טוען ווי די טויזנט יידן וואס האבן זיך באהאלטן אין דע רהייל, נאר ארויסגיין אין קעמפן קעגן די שונאים.

עס איז קיין ספק ניט אז אלעזר בן יאיר האט זיך אזוי אויפגעפירט די גאנצע צייט וואס ער איז געווען קאמענדאנט פון די סיקאריער. ער האט ניט געהייסן זיינע סאלדאטן זיי זאלן זיך שאכטן פאר א קרבן עולה צו גאט, נאר אז עס איז בעסער צו פאלן אין קאמף בעתן דערהרגנען די אנפאלנדיקע שונ־אים און באצווינגער פון יידישן פאלק ווי צו לעבן און זען דעם אונטערגאנג פון יידישן פאלק און די פארשוועכונג פון די יידישע היילוקטימער. אבער די אימפאזאנטע גרויסקייט פון דעם יידישן דענקער און שרייבער יוסיפון האט אים פארפירט. ער האט געגלויבט אז דאס וואס יוסיפון האט געטוען מוז זיין ריכטיק און דערפאר האט ער אנגערעדט די פרייהייטס קעמפער, וואס זענען געווען מיט אים צו דעם גרויעלדיקן אומקום — צו הרגנען זייערע פרויען און קינדער און נעמען דאס אייגענע לעבן...

---

צו דער בר־מצווה פון **בארי, דוב בערל** דער זון פון **איוואן און בלאנטש לארי** דאס אייניקל פון אונזער סעקרעטאר **נחמן רובין** זאגן מיר א הארציקן מזל־טוב דעם בר־מצווה־בחור, טאטע־מאמען און באבע־זיידן און מיר ווינטשן זיי פול נחת.

רעדאקציע: לשון און לעבן



## שמואל ווהייט

### אז די פארצווייפלונג איז גרויס

אז די פארצווייפלונג איז גרויס,
די פילסט אז אלעס עקט זיך,
פאכט דאס הארץ, דער מוח ברענט,
דיין שאטן אפילו שרעקט דיך.

קומט האפנונג ווי זאנפטער טוי,
סברעכן זיך העלע שטראלן,
שוין פון ווייט ווינקט דיר אטרייסט:
ס'איז נאך גארניט פארפאלן.

שפינען זיך פורפור ניואנסן,
וואס קוויקן וואס באלעבן.
מוטיקט עס, שטארקט דיין גייסט,
שפינט זיך גינגאלד געוועבן.

## א. נ. שטענצל

### דער סוף פון דער מעשה

די אכט טאג פסח זיינען אדורך ווי א חלום. אלץ אזוי היימיש־נאנט און אייגן, טאפסטס מיט די הענט אן, פילסט עס, אבער כהרף עין איז עס פאר־שווונדן און ס'איז נישטא; פיצלעך פלימערן פאר די אויגן, קומען און פאר־שוועבן; א געזשום אין אויער, א רויש אין קאפ — עס האט זיך אלץ געמישט און אויסגעווישט. שווימסט ווי א פיש אין וואסער, אבער שפירסט, ס'איז א נעץ און צאפלסט ווי א געפאנגענער... „אויגן", וואס האלטן זיך צוזאם אין א דורכזיכטיק דינעם שפינגעוועב, ווילן דיך פעסט האלטן, שוועבסט מיט דינע פליגעלעך, שוועבסט, שוועבסט, אבער דו שפירסט ווי די פאלסט אלץ טיפער און טיפער — אזא פרעמדקייט אין דיר, אז דו דערקענסט דיך שוין אליין נישט.

זיצנדיק, דעם צווייטן טאג חול־מועד ביי דר. ראביי אשער, ביי דער „סוגיא דחזקיה", ארויס נעמענדיק דעם „פני יהושוע", דעם „צל"ח" פונם שייבן־שענקל מיט די פריש־פארצויגענע יום־טובדיקע פארהענגלעך, איז עס עפעס אזוי, ווי ס'וואלט געווען ביים טאטן אין שטוב, — איך זוך דאס זעקל מצה־שמורה וואס איז געהאנגען אויבן אין ספרים־שייבן־שענקל, איך שפיר דעם פריש־געוואשענעם ריח פון די פארהענגלעך און דעם פארברענטן פון די שמירה־מצות, — זע, דער איינבאנד פון „צל"ח" איז דער זעלבער! און דער פשוטער קלוגער איינפאל פונם „פני יהושע", מיטן טעם פונם געפרעגלטן „באבעלע" וואס די רביצן האט ארייגעברענגט איז דער זעלבער; דער פלינקער מאך פון מיינע הענט, — דער אויספיר! — דער זעלבער; כ'באקום א שרעק פאר מיר און בלייב זיצן פרעמד, אפהענטיק. די רביצין קוקט אויף מיר מיט א פאר אויפגעריסענע צניעותדיק־היימישע פרומע אויגן —

„ניין, ניין, מיין טאטע אין דער היים עסט נישט געגעצט...“ רעדט איך ווי פון א חלום ארויס: „איך עס פראסטע מצות און איך געגעצט“. ווייל פון אירע דערשראקענע אויגן ליין איך ארויס: אז אפשר איז דאס „געגעצטע“ באבעלע שולדיק אין מיין פלוצימדיקן אפהעגטיק ווערן.

די שיינע פרילינג־טעג גייען אוועק מיט באזוכן, מיט שפאצירן, אין געררויש פון ריידן, דיסקוטירן, פלעגער מאכן: „ווייסט איר“, קוקט אויף מיר דאס מיר שוין באקאנטע און נאנטע פילאזאפיש־ציניש־שע בליקל: „די אכט טאג, נאך יום־טוב וואס איך בלייב נאך דא, קאנט איר דאך אויך נאך אן שום מורא בלייבן דא וווינען מיט אונז — ס׳איז היימלעכער נאך א מאנספערשוין אין שטוב... „אפראפא“, האט איר געזען דר. קאנס בענדל לידער, שוויינס־לעדער געבונדן, גאלד־געליישט וואס אניטיען האט געברענגט פון דער ביבליאטעק?“

איך קוק אים אן, צי ווייל דאסווארט אפ־ראפא“ איז מיר פרעמד, צי דער נאמען פון זיין שוועגערין, וואס ער רעדט צו מיר דאס ערשטע מאל ארויס אזוי משפחהדיק.

ער באמערקט מיין קוק: „אבער אן אויפטו פון מיין שוועגערין איז עס, דער משומד איז „נעמלעך“ א צוויי שפראכיקער דיכטער... פאר אייך קאן עס דווקא זיין לטובה, ווייל ווי דין דאס בענדל איז, איז נאך יעדעס ליד אויף איין זייטל האלענדיש און אויף איינס דייטש... זעט ס׳איז דאך א קלוגער איינפאל פון אניטיען“... צעלאכט ער זיך: „וועלכער ייד קאן דאס נישט קיין דייטש“?

מיר האבן שפאצירט, גערעדט, דאס הייסט גערעדט האט דר. ארנאלד ארויסקומענדיק פון די שטאט, אין דער רחבות פון די פריש־גרינענדיקע ווייטע לאנקעס האט ער אנגעהויבן צו רעציטירן היינען, געהטען, צו זינגען רוסישע לידער. איך האב קיין סך נישט פארשטאנען, אבער דאך אינערלעך עפעס דערפילט... אזא ווארעמקייט אין הארץ.

פלוצלינג האט ער אנגעהויבן „זאגן“ א ליד אין רוסיש, ווי א תפילה, ער איז אינגאנצן נשתנה צורה געווארן... כ׳האב מיט אמאל דערפילט אז אין אים איז אויך נישט אלץ גלאטיק... ער האט אויפגעהערט צו ריידן, די שטילקייט האט געדרוקט, ער האט פאר זיך געקוקט, ווי ער וואלט פאר זיך עפעס דער־זען... ווייט, ווייט...

זיין בארייזעוודיקייט האט אים געהאלפן: „יא, מען מוז האבן כוח זיך צו ראנגלען מיטן לעבן, אבער נאך גרעסערע כוחות זיינען נויטיק שלום צו מאכן מיטן לעבן“.

„מיין פריינט“, האט ער מיך טרויעריק אנגעקוקט: „אין יעדן פון אונז שטעקט א פאעט“... און שנעל אראפגעשלעפט די שליאפע איבער די אויגן. מיר האבן זיך אויסגעדרייט און אהיימגעשפאנט מיט געלאסענע טריט.

ווילאנג ער האט גערעדט איז אין מיר שטיל געווען, האט דער רויש אין מיר געשוויגן; בין איך געבליבן אליין האט עס גענומען ארבעטן אין מיר, גריזשען אין מיר: איז דאס טאקע שוין דער תכלית, וועט דאס פירן צו א תכלית? זיינען אויף דעם געווען די צוויי שווערע יאר דא אין האלאנד, און די



נאך שווערע לעצטע יארן אין דער היים? עס האט זיך דאך געבויט אין מיר א שטאפל אויף א שטאפל און מיט איינמאל אלץ איינגעריסן, ווי א חורבה... און אפשר טויג איך נישט אינגאנצן, די צעמישעניש איז אין מיר גופא? די אומשטענדן שאפן זיך דען פון אליין? זיי שפינען זיך פון מענטש ארויס און האלטן אים אין געפענגעניש... די נישט נאטירלעכקייט אין אונז שאפן די נישט נאטירלעכע אומשטענדן... וואס איז דען „פערווערז“, „שיצאפרען“? די אינערלעכע אומנאטירלעכקייט קומט ארויס אין דרויסן, אלע דערזעען זי —

ווען דר. קאן מיט זיין גויאיש שיין ווייב גייט אזוי איבערן מארק פעסט געארעמט, ווי ער וואלט מארשירט באגלייט מיט א מארש פון אן ארקעסטער... וועם ווייזט ער עס, ווער ברויך צו זען וואס ביים אים דרינען גייט פאר? אט־א איך האב עס: דאס וועלן זיך באווייזן... אינמיטן מארק, איבער דער גאנצער ברייט, און אויףביידע זייטן פאטשענע מארשירן מיט די פערזן, אויף האלענדיש און אויף דייטש... „שוויינס־לעדער געבונדן, גאלד־געליישט“...

עס הייבט זיך שוין ווידער אן, ווי אין דער היים, ווען כ׳בין געבליבן זיצן איבער דער אפענער גמרא, ווען כ׳בין געבליבן אליין ביי שכוינענפעלדן אין שטאל... וואס איז ליבע וואס איז תאוה? ווען ווייסט מען עס? און דיין אייגענער גוף וואס איז? און די אלע ווערטער וואס מישן זיך אין קאפ? און אז זיי בינדן זיך שוין צונויף, וואס זיינען זיי שוין דעמלט? איז דאס שוין דער תכלית?

איינס איז זיכער דא טאר איך נישט בלייבן! ווילאנג דר. ארנאלד איז נאך דא... און אפילו אזוי... עס קלינגט ווי א געשפאלטענע מטבע; עס קלינגט — אבער פאלטש! דאס איינציקע עכטע, ווען ער שלעפט אראפ די שליאפע איבער די אויגן, מ׳זאל זיי נישט זען... און איך וואס בין? א פארלוירן רינגעלע, וואס שפיגלט אין בלאטע... אלע צוזאם סארפעט מען זיך, ראנגלט מען זיך, מען איז א קייט — עס קלינגט „די גאלדענע קייט!“ איך שפיר ווי עס ליגט אין מיר דער געראנגל, ער לאזט זיך נישט אפשטעלן...

וואס וועל איך דא טון אין דעם „מקום“ 24 שעה אין מעת־לעת? לויפן פון חזנדל צום סופרל, פון סופרל צום חזנדל, מיך אפריידן ווי א פויק און ביי דר. ראביי אשער געפינען מנוחה אין זיין שטילער מתינותדיקער ענוותדי־קייט? דר. ארנאלדס פלעגער דאס זיינען עפעס ווילד־משונהדיקע זאכן... וואס הייסט, מען זעצט זיך אנידער און „מ׳שטודירט“ דיכטן, מ׳לערנט זיך „שאפן“... ניין, איך מוז עס „מאכן“ אויף מיין אופן... דאס ראנגלען איז דער גאלדענער קלאנג אין א ליד — דער ריטם!... דער האפערדיקער ציטער...

עס איז נישט וואס צו ריידן, דא בלייבן אוממעגלעך, אויפן דארף דא אויך נישט; אין שכנות דא פון גרויונינגען, פון די מענטשן דא, ארייננקריכן אין די ארבעטס־הויזן, אנטון צוריק דעם פעט... גרויונינגען איז צו קליין, ס׳וועט זיין געמלאכהעט, א גאנצע רעוואלוציע, אבער נישט נאטירלעך... כ׳מוז צוריק אנהויבן אין שלאטן, אין אמסטערדאם, ווי א „שפיטער“ — כ׳האב א פאך א גערטנער־געזעל; א ידישער בעל־מלאכה מוז נישט דווקא זיין, א שוסטער, א

שניידער, א פידעלע־מאכער, א זייגער־מאכער... זיין מיט חברה אין אנסקיי־קלוב, חברים, א ביבליאטעק... יוסף הלל בארנשטיין פון טוועלע, — אויך מסתם געהאט א שטיקל סיכסוך! — האט זיך איצט אויך באוויזן אין אמסטער־דאם — טוב שנים מן האחד! אפשר אונזאמלען אויף הצאות און זיך לאזן אין וועג אריין; א „שפיטער", א לאנד־ארבעטער אין א קבוץ" אין א „פרדס" איז דאך נאטירלעכער — אפגעזען פון אלע איזמען און פארטייאישקייטן, פון פאליטיק און חלומות... ס׳איז ארץ־ישראל — יידיש ערד, צווישן אייגענע...

אזוי יעדן טאג חוזר חלילה! און וואס א טאג נאך פארוויקלטער, נאך צעמישטער; די געדאנקען האבן מיך אריינגענומען אין א קאראהאד, אין א פאר־כשופטן צירקל און דרייען מיט מיר; כ׳האב פשוט שוין מורא געהאט צו זיין מיט מיר אליין: „שיצאפרען"? „פערוווערז"? וואס טוט זיך מיט מיר?!

אמבעסטן איז געווען, ווען כ׳האב מיך אריינגעכאפט צו חזן ראזענבלאט. דארטן אין דעם טומל פון די קינדער, איז דער רויש אין קאפ אויך געווארן אזא מין קינדישער טימל —

די חזנטע, א פליישיקע, א שטאלטנע, א ביסל א צעווירענע, תמיד באזעצט אויף א בענקל, אן אויסגעבעטס מיט קושנס, ווי צום באדעקנס; די חברה קינדער ארום איר — דאס קליינסטע, א זייגעדיקס אין שויס, די פולע מיליכיקע ברוסט אין מיילכל. און דאס חזנדל, תמיד תאוהדיק־פארשמייעט ארום איר; אין דער רויטער סאמעטענער וועסט, אין די ווייסע העמד־ארבל, איז דאס אשירישע בערדל נאך שווארצער, נאך זיידענער — יא, ער דער חזן, זיך כסדר גארגלענדיק, די כלי פריוונדיק, פירט דאס אן מיטן קינדער־כאר.

ביים חזן אין שטוב האבן אויפגעהערט אלע פראבלעמען, אל ספקות־טראכטעניש — דא, דארט, שלאטן, פאלעסטינע? אט נעמען מיר די ציגיינער־בויד, מיר זעצן זיך אלע אריין; איך אין פעט, די טשופרינע אין דרויסן, די ביציסקע אין האנט, ביי מיין זייט די שווארצע צויגאנקע, די שוועסטערן־טאכטער פון אינגערן און ס׳גייט א יאזדע, אהין צום פעטער יאסעלע...

ס׳איז געווען אייניקע טעג נאך פסח, מארגן פארט דר. ארנאלד נאך לוצערן, איך האב שוין דעם שליסל פון מיין שטוב ביים סופרל... אבער מיט וואס זאל איך מיך אריינציען? די ארבעטס־הויזן מיטן „פעט", מיטן רויטן העמד האט דר. ארנאלד פארברענט צוזאם מיטן חמץ. אמת פאר די פאר גולדן באקומען פאר מיין „יאזעף איזראעלס פארטראג" קאן איך מיר קויפן א וואַ־ליזע מיט א ביסל וועש און האבן מארגן מיט וואס מיך אריינצוציען —

אט אזוי אומענטשלאסן מיט מיר, מיט אלצדינג און מיט יעדער קלייני־קייט: אט גיי איך צו צו דער סטאציע קויף א בילעט און פאר קיין אמסטער־דאם ווי באשלאסן און אט שטיי איך גאר פאר א שויפענסטער, אריינצוגיין אין געשעפט צו קויפן דאס קאפערל מיט די פאר קלייניקייט. „אפשר טאקע קויפן די שליאפע, זי אראפרוקן טיף איבער די אויגן און אלע פראבלעמען הערן אויף" לאך איך צו מיר. און אזוי לאכנדיק דריי איך מיך אויס און גיי גאר אריין צום חזן...



כ׳קום אריין און אין שטוב, איז תשעה־באב: די בעטן נישט צו געבעט, די שטוב נישט צוגערוימט. מיטן קאפ אין בעט זיצט די שוועסטער אויף די קני און העשעט. באזעצט אויף איר מיט קישנס אויסגעבעטן בענקל, דאס קינד אין שויס די מילך־ווייסע גרויסע ברוסט אין מיילכל, זיצט די חזנטע מיט פארטרערטע אויגן, ארום איר די חברה קינדער, אין די העמדלעך נישט אפגעוואשענע, נישט אנגעטוענע. ביים פענסטער שטייט דער חזן מיט א פאר צעמישטע אויגן דערזעענדיק מיך ברעכט ער אויס מיט א יללה: „היינט אין די צייטונג, האט איר נישט געהערט? א פאגראם אין יפו, 48 געהרגעט, צווישן די הרוגים יוסף חיים ברענער". איך האב גאר נישט תופס געווען, ערשט ביים סוף פסוק: „יוסף חיים ברענער"! האב איך דערשפירט דעם קלאפ איבערן קאפ, איך האב א וואקל געטון: און זע, אין דער דאזיקער רגע זיינען אלע מיינע וואקלנישן צענישט געווארן.

איך האב גאר נישט מער געזען, וואס ס׳טוט זיך ארום מיר, פאר מיינע אויגן זיינען געלעגן 48 הרוגים, ווי אויסגעסדרט איינער הינטערן אנדערן און פאר אלע — יוסף חיים ברענער. איך האב גאר נישט מער געזען, נאר ווי דורך א נעבל־שלייער — — — דורך א פויערהאנג פון אפיס־פענסטער פון נאציאנאל־פאנד אין האג, קוקט ארויס דער שמשון הגיבור־קאפ אושישקינס, הינטער אים פראמאנס לעגלעכע פנים מיט פארביסענע ליפן.

יענער טאג און די טעג דערנאך זיינען ווי אויסגעשלאשן אין מיין מוח. צו בין איך געפארן צומארגנס מיט דר. ארנאלד, צו אפשר נאך דעם זעלבן טאג, צי טעג, צי גאר אפשר וואכן שפעטער — — — —

וויאזוי איך בין אנגעקומען, און צי האב איך מיך שוין וואכן אזוי ארומ־געדרייט אין האג . . . איך געדענק אריינקומענדיק אין אפיס פון נאציאנאל־פאנד איז פראמאן א פריילעכער מיר א קייגנגאנגען מיט צוויי אויסגעשטרעקטע הענט. ס׳איז געווען א שיינער זוניקער טאג. מיר זיינען ארויסגעפארן, נאך שעווענינגען צום ים — דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן, וואס כ׳האב געזען א ים — פסוקים האבן זיך מיר ארויסגעריסן פון מויל! דאס שטורמישע „מים רבים"־געברויז און דאס גערויש פון די געוואלטיקע, די ווילדע כוואליעס ביים ברעג — דאס לשון איז מיר ממש אפגענומען געווארן.

די אלע שטורעם־ווינט צעשורגעטע צעשוימטע ים־בילדער פונם גרויסן יאזעף איזראלס זיינען דאך קייגן ים גופא קוים „וואסער־פארבן", בלאסע אפשפיגלונגען: „יורדי הים באניות... המה ראו מעשי ד׳...

פראמאן האט געמוזט צוריקפארן אין אפיס, ער האט מיר איבערגעלאזן זיין גאלדענע פול־פעדער.

ווילאנג איך בין אזוי געבליבן ביים שעווענינגער ים־ברעג, ווייס איך אויך נישט. טעג, וואכן? אז קיין בעט צו שלאפן איז נישט נויטיק געווען, און די פאר גולדן אין טאש האבן געסטאיעט און געסטאיעט.

פון יענע צייט איז מיר געבליבן דאס איינציקע ליד, וואס כ׳קען פון אויסנווייניק, און עד היום איז עס דאס איינציקע פון אלע מיינע לידער, וואס

כ׳קאן פון אויסווייניק — עס איז אויך דאס איינציקע ליד פון אלע מיינע פארלוירענע און פארקומענע לידער וואס איך האב געשריבן פון 1917 ביז דעמלט. 1923־24. ווען דער שמש־פערלאג האט ארויסגעגעבן מיין בוך „און דו ביזט גאט“ אין לייפציק האב איך דאס איינע געגראמטע ליד אריינגענומען צווישן די נישט געגראמטע.

שרייבנדיק דעמלט, אין שעווענינגען, דאס ליד האט עס מיר געגעבן די פרישע באנייטע כוחות אויסצוהאלטן און איבערצוקומען: דערפאר איז עס מיר געבליבן מסתם אזוי שטעקן אין קאפ.

איך האב עס שוין איינמאל ציטירן פון זכרון, וועל איך עס אצינד נאכאמאל ציטירן, ווייל כ׳האב עס אזוי ליב דאס קליינע לידעלע פון דעמלט אין זומער 1921 אין האג־שעווענינגען ביים ים —

עס איז אפשר א ביסל סענטמענטאל, אבער ס׳שאט נישט אמאל; ס׳איז דאך אויך דאס סיום־קאפיטל פון בוך „געראנגל“.

ס׳האבן די וועלן
מיך ברויזן געלערנט,
און שטורמיק צו זיין,
צו קאנען פארלאכן,
טאג טעגלעכע פיין.

זיך קאנען פארמעסטן,
צום פעלזן צום גרעסטן,
און ווערן צעשמעטערט,
און ווידער געקלעטערט.

און ס׳האבן די פעלזן,
די סקאלישע ריפן,
מיך שווייגן געלערנט;
ליידן און ליידן,
און פרעסן די ליפן.

אויך די ערשטע פאר זייטלעך פון מיין פראזע, וואס זיינען געדרוקט געווארן אין יאר 1922 (און מעגלעך 1923—ווייל מיט א גאנץ יאר קען איך מיך אינגאנצן נישט אויס און געפין עס נישט...) אין „מארגנזשורנאל“, א קאפיטל פון א ראמאן „אין שניטצייט“, זיינען געשריבן געווארן אין יענעם זומער־חודש אין האג, בעסער געזאגט צווישן האג און ראטערדאם, אויף א פאליציי־רעוויר.

אין איינעם א טאג, — אזוי הייבן זיך דאך אן אלע מעשות, — קומט מיר אקייגן א פאליציסט, — מסתם שוין אויסגעזען צו פארדעכטיקט, אז אזא פארשוין זאל זיך מעגן דערלויבן זיך ארומצודרייען פראנק און פריי אין דער רעזידענץ־שטאט פון איר מאיעסטעטין די קעניגין פון האלאנד, — און פרעגט מיך אויף א פאס און נעמט מיך גלייך מיט אויף דער פאליציי.

קיין פאס האב איך טאקע נישט געהאט, קיין שום פאפירל צו וועלכן שטאט



איך געהער, קיין סימן נישט, ווו און ווען איך בין געבוירן און איבערהויפט, צי כ׳בין געבוירן.

מיט מיינע פאר הונדערט האלענדישע ווערטער האב איך מיך מיט די פאליציי־לייט גאנץ גוט „קאמעראדלעך“ פארשטאנען.

„ווען איך בין געקומען“? „נאך וואס איך בין געקומען“? וואס איך האב געטון דא“? „ווו איך האב געווינט דא“?

אלץ וואס זיי האבן פון מיר ארויסבאקומען איז געווען, אז „ביי ענטשכידעי ערגעץ, בין איך אדורך די האלענדישע גרענעץ“.

ווען דער פאליציסט האט מיך מיטגענומען בין איך פונקט געווען „פארדעכטיקט באשעפטיקט“ מיטן ענדיקן א ליד; דאס הייסט נישט דירעקט ביים פארברעך, ביים שרייבן, נאר ביים טראכטן עס, שוין „כמעט“ ביים פארענדיקן.

פטור געווארן מיט אלע זייערע פראגעס, (בשעת מעשה טראכנדיק מער וועגן שלוס פונם ליד). האב איך ארויסגענומען פראמאנס גאלדענע פען און פאענדיקט.

די גאלדענע פעדער, מיינע שטראלנדיקע אויגן בשעת אויפשרייבן די פאר סטראפעס, וואס זיך „שמונה עשרהדיק“ געדרייט אין מין קאפ, און ענדיקנדיק די לעצטע פערזן, האבן אפנים געמאכט דעם „געהעריקן“ איינדרוק, זיי האבן געזען מיט וועמען זיי האבן צו טון: אדער פשוט מיט א ריכטיקן צעדרייטן, אדער מיט אן אמתן פאעט — מיט קיין אסימילאנט זיכער נישט.

ווען כ׳האב אויפגעהויבן דעם קאפ פונם שפיץ־טיש זיינען די פאר וואך־פאליציסטן געשטאנען הינטער מיר אין א דרייעק.

אז ס׳איז א ליד, האבן זיי דאך בפירוש געזען, זיי האבן נישט פארשטאנען די ווערטער — אבער סימעטריש געזען: די גראדע פיר שורהלעך אין יעדער סטראפע — ווי אויסגעשטעלטע צום „אפעל“ — דאס קעפל אין דער הויך.

ווען איך האב מיין קאפ אויפגעהויבן, האבן זיך אלע געגעבן אדרייאויס און — אפמארשירט, ווי אויף א באפעל.

און ווי ס׳מאכט זיך אין אלע מעשות, האט „פונקט“ דער טשייניק אנגעהויבן צו פייפן און אלע ווי איינער האבן זיך ארומגעזעצט ארום טיש אויסגעשטעלט מיט טיי־טעפעלעך — אויך מיר האט מען איינס אוועקגעשטעלט! — און יעדער איינער פון זיין גלאנציק־געעפנטן פאפיר האט מיר אנגעבאטן א סענדוויטש.

איך דערזענדיק דאס סימעטריש־ריטמישע פון מיין שפוגל נייעם ליד און פון דעם קופקעלע מיט פרישע סענדוויטשעס ארום מיין טעפעלע, הערנדיק ווי די פאליצייליט ענדיקן בציבור זייער „אמען“ נאך די קורצע תפילה פארן טועם זיין, האב איך אנווייזנדיק אויף די סענדוויטשן ארום מיין טעפעלע, פריילעך גענומען דערציילן דאס מרדכי ראקאווער־מעשהלע: „מיין תפילה איז אז אלע זאלן זיין גבירים, איך דער איינציגער קבצן, וועל איך במילא זיין דער גרעסטער קצין פון ראקאוו“ — די גאנצע וואך־שטוב איז פול געווארן מיט

א הילכיק געלעכטער.

וואס זיי האבן נאך געוואלט וויסן איז געווען: פארוואס זיינען די שורות געשריבן פון רעכטס נאך לינק? און צו איז עס, אפשר, ווייל איך בין א געלינקטער?

„און אפשר טאקע א ריכטיקער — א באלשעוויק“? האט איינער אויסגערופן, — אזויארום אפשר ארויסצובאקומען א שטיקל אינפארמאציע?...

דאס געזונטע געלעכטער האט זיך ווידער צעהילכט און איך צווישן די לאכנדיקע — מיך ממש געפיל צווישן אייגענע און די אטמאספע — א היימישע.

פון מיין דערקלערן, אז דאס זיינע איר־אלטע אותיות, פון א צייט ווען מען האט נאך די מענטשלעכע געזעצן אויסגעהאקט אין שטיין־לוחות; נו, מוז מען דאך דעם האמער האלטן אין דער רעכטער האנט. „און דערפאר אפנים“, האב איך אויסגעלאזט בדרך הלצה: „האלט איך אויך דעם גריפל אין מיין לינקער האנט ווי משה ביים אויסהאקן די לוחות“.

אינצווישן איז שוין געווארן טונקל, די פאליציייליט האבן זיך געשטעלט אין א רעדל, עפעס צו באשליסן צווישן זיך, און איינער איז צוגעקומען צו מיר און מיך פארבעטן אין „חד־גדיא“.

די פאליציי־וואך איז געווען א ליכטיקע גרויסע שטוב, אין ביידע זייטן גרויסע פענסטער, אין דער אונטערסטער וואנט דריי טירלעך מיט גראטע־פענסטערלעך, דאס זיינען געווען דריי קאמערן דארטן צוהאלטן ביז מען פירט איבער אין תפיסה, אדער פארן געריכט.

די איבערגעזעטיקטע נאכט־מאלצייט, די קויקע, נאך טעג און נעכט ארומבראדיען ביים ברעג מיילן־וויט, האב איך אדורכגעשלאפן די נאכט אן איין חלום, בהעלם־אחת. אויפגעוועקט האט מיך דער וואך־אפיציר, שטייענדיק ביי דער קויקע מיט א טעפעלע פרישע קאווע און מיט אן אקארשט פריש געפרעגלטן „פאנקוכן“.

פאר געריכט האבן זיי מיך נישט געברענגט, אין קיין תפיסה אריין אויך נישט געפירט. אבער עפעס א דרישה־וחקירה האט דאך געמוזט, פארקומען ביי מיינע „ברודער פון משה׳ס גלויבן“, ווייל נאך 9 טעג האט מען מיר געבּרענגט א בריוו, פון טאטן אדרעסירט צום ראטערדאמער ראבינער דר. דונער.

אפנים, דער טאטע נישט מער אויסהאלטנדיק אזויפיל חדשים אן שום ידיעה פון מיר, האט ער זיך דערמאנט אין דעם ראטערדאמער רב, דער נומער איינס פון די „פראטעסט ראבינער“, ביים קאטאוויצער רבנים קאנגרעס.

איז „ראה מעשה ונזכר הלכה“, ווען די פאליציי איז צו אים געקומען מיט דער שאלה, וואס טוט מען מיט אט דעם געכאפטן יידן? איז באשלאסן געווארן אים צוריקצושטעלן אויף דער זעלבער גרענעץ, — וואס ער האט זיך אליין מודה געווען אז ער האט זי געשווארצט.

און אט אין יענע פריילעכע שטימונג, וואס האבן זיך געצויגן גאנצע ניין טעג, א גאנצן טאג ביים שפיץ פונם פאליציי־טיש, באוואכט אז מיר זאל פינקטלעך צו דער צייט קיין פריש טעפעלע קאווע, קיין פריש־געפרעגל־



טער „פאנקוכן“ נישט פעלן, כשרע מיטיגלעך זאלן מיר געברענגט ווערן צו דער מינוט, האב איך אנגעשריבן הונדערטער זייטן, אויף פאליציי אקטן־בויגן, א ראמאן אין „שניטצייט“ — עס איז מסתם געווען די אויפגעציטערטע זומערלעכע בענקשאפט, זי האלענדישע לאנדשאפט, וואס אריינגעקומען אין דער פראזע. די לופט צווישן די שורות, דאס פעכעלן פון צו רויטע קאפטיכלעך צווישן די זאנגען, דער עכטער קלאנג פון די שלייפנדיקע קאסעס איז דאס מסתם געווען וואס דר. עליאשעוו האט דאס ערשטע קאפיטל צוגעשיקט צום „מארגנזשורנאל“ —

די פאליציייליט האבן עס שוין געפילט ביי מיין שרייבן! כ׳האב געשפירט ווי זיי באוואכן זיך איינס ס׳אנדערע, ס׳זאל זיין שטיל אין דער וואכשטוב כ׳זאל נישט געשטערט ווערן ביי מיין „ארבעט“ —

ווי אמאל ביי דער גמרא, אין די התמדה־טעג, האב איך אנגעהויבן פילן, אז דער קאפ ארבעט: ער האלט צוזאם זאכן, המצאות, קייטלט צוזאם „לפי־זה“ס און ס׳ווערט א „המשך“, געגומען שפירן, ווי די שטערן־פאלטן מוסקלען זיך — ממש ווי בשעת האלטן דעם שפאטן אין דער האנט בשעתן „שפילטן“...

אפנים א מעשה צו דערציילן, פראזע צו שרייבן, מוז מען האבן, אויב נישט שלווה, כאטש א ביסעלע מנוחה, א שטיקעלע זיכערונג, א בעט ווו דעם קאפ האבן אנידערצולייגן, זאט זיך אנצועסן, — א פת לחם אויפן טיש און אין בוזעם־טאש א פאספארט; אויב נישט אייגענע ד׳ אמת, כאטש א שפיץ־טיש ווו צושרייבן.

פאעזיע איז „ברוך ד׳ יום יום“ — שבתדיקע „זמירות“. אין א זמרל איז „געהאקטע צרות“ אויך „מטעמים“. צו פראזע מוז מען האט לכל־הפחות א געזיכערט שטיקל ברויט. אונזער טאטע יעקב, וואס האט זיך געראנגלט מיט גאט און מיט מענטש, אויף זיינע וואנדערונגען, האט אויך געשטעלט דעם ערשטן באדינג „לחם לאכול“.

„כאכילתכם כן עבודתכם“ — פראזע איז עבודה! איז רעאליזם! מען מוז זיך אונטערגארטלען הונדערטער און הונדערטער זייטן צו קענען אנצושרייבן. מ׳מוז שטיין מיט ביידע פיס אויף דער ערד און פערטיק מאכן — האבן כאטש אן אויסזיכט אז ס׳וועט קומען לידי גמר; עס מוז האבן לופט סביבה, — א אטמאספערע. א מעשה — איז א — בוך, א ספר; פאעזיע איז א טאנצדיקער פערז, „על רגל אחת“! א ליד איז א זייטל געטראגן פון ווינט, עס באקומט פליגל עס פליט אין דער לופט און ס׳זינגט — דער געזאנג פון ליד איז דאס געראנגל.

דאס היינטיקע קאפיטל איז דאס לעצטע קאפיטל פונם בוך „געראנגל“.

פרומע מחברים, אז זיי פלעגנענדיקן שרייבן א ספר האבן זיי מיט גרויסע אותיות צום סוף צוגעשריבן „תם ונשלם שבח לאל בורא עולם“. איך גלויב, אז די „זכרונות“ ביז יעצט זיינען מיר מסתם ווי נישט איז געלונגען, ווייל דרינען איז דאך נישט נאר מיין לעבן, נאר אונזער אלעמענס לעבן. דאס האב איך אויך געפילט שרייבנדיק יעדעס קאפיטל.

זאל מיר נאר גאט קומען צו הילף ביים אנהייבן שרייבן „מיינע 14 יאר אין בערלין״! אז איצט שוין, נעמען טראכנטנדיק וועגן זיי, ווייס איך נאך אלץ נישט, וועלכע זיינען דאס געווען די זיבן גוטע יאר און וועלכע די זיבן שלעכטע. וועט עס מיר נאר געלונגען גוט אנצושרייבן דאס בוך, וועל איך האבן גוטע זיבן יאר, ווייל אזויפיל איז ווייניקסטנס נויטיק די דאזיקע קאפיטלעך אנצושרייבן.

## א. דארף (בריסל)

## פייוול בלאנק

עס איז מיר שווער, אוי, ווי שווער עס קומט מיר אן צו שרייבן די דאזיקע שורות און פון די אויגן שטראמען טרערן.

ערשט מיט געציילטע וואכן צוריק האט פייוול בלאנק געשריבן א הספד נאך חבר אברהם ריבא און אט שרייב איך איצט מיט בלוט וועגן טיפן צער און טרויער וואס זיין פלוצימדיקער טויט האט ארויסגערופן ביי זיין פאראבלטער פרוי און איינציקער יונגער טאכטער, ביי זיין משפחה, חברים, פריינד און באקאנטע.

ווי אנדערש איך האב מיך געגרייט צו שרייבן וועגן בלאנקס בוך „לידער, משלים און קינדער־פיעסן״, וואס איז שוין אויסגעזעצט געווארן אין י. ל. פרץ פארלאג אין תל־אביב. טאקע צוויי טעג פאר זיין אומגעריכטן טויט האט ער באקומען די ערשטע קארעקטור. מיט וויפל פרייד ער פלעגט מיר אנזאגן יעטווידע גוטע בשורה.

דאס דאזיקע בוך האט געזאלט זיין פארטיק דעם קומענדיקן 15־טן פעברואר. די גאר קליינע שרייבער־גרופע אין בריסל, צוזאמען מיט דער פארטיי און רינגעלבלום־קרייז, האבן זיך געגרייט איינצוארדנען מיט פארנעם א פייערלעכן יום־טוב. ליידער איז אונז די שמחה מוראדיק צעשטערט געווארן. דער דאזיקער יום־טוב וועט זיך פארשפעטיקן. דער אויבנאן וועט זיין א לערע שטול, דאס בילד פון מחבר ארומגעהילט מיט שווארצע קרעפע.

ביים שרייבן די דאזיקע שורות זע איך אים אנטקעגן איבער מיר. ער רעדט צו מיר מיט אזויפיל פארשטענדעניש, מיט אזויפיל טאקט, מיט אזא סענסיוויטעט, אז איך בין מקנא זיין געלאסגקייט, זיין קענען פילן און אפשאצן חברישע איבערגעגעבנקייט. דאס דאזיקע האט באשטעטיקט זיין איידעלע נשמה און אינערלעכע קולטור.

אלס יידישער לערער און מדריך, האט ער נישט בלויז געלערנט אנדערע יידישע קינדער און איינגעפלאנצט אין זיי ליבע צו יידיש, ליבע צו אונזערע נאציאנאלע קולטור־אוצרות, נאר האט אויך גלייכצייטיק געזארגט אז זיין אייגענע היים, און בעיקר זיין אייגן קינד, וואס לערנט היינט אין אוניווערסיטעט אין בריסל, זאל איינזאפן אין זיך די זעלבע לערע, די זעלבע ליבע, וואס ער לערנט אנדערע יידישע קינדער. און דאס איז זיין זכות. די דאזיקע באקווינונג וועט אראפשיינען און באלייכטן די מצבה אויף זיין קבר.



דינסטיק, דעם 8־טן נאוועמבער איז ח׳ פייוול בלאנק געקומען צו קבורה אויפן יידישן בית־עולם פון בריסל. עס האבן אים באגלייט צו זיין אייביקער רו די בריסעלער חברים און א גאר גרויסע צאל פון זיינע פריינט און פארערער.

ביים אפענעם קבר האבן אים מספיד געווען ח׳ דאמב, אין נאמען פון אחדות העבודה־פועלי ציון אין בעלגיע, ח׳ ל. מאקאווסקי אין נאמען פון דער פארטיי אין פראנקרייך און ח׳ א. דארף.

## הערי אריעל

## יידיש טעאטער אין „גרענד - פאליי״

איך האב זיך שוין פון לאנג געקליבן אפצוגעבן א באריכט וועגן אונזער טעטיגקייט און עס פלעגט קיינמאל נישט זיין קיין צייט, ווייל מיר זיינען איצט מער פארנומען מיט פראבן און פרעמיערעס ווי דאן ווען מיר האבן געשפילט טעאטער אלע נאכט. עס האבן, אבער, געוויסע פראזן פון שרייבער וועלכע איך רעספעקטיר, מיך פשוט געצווינגען אלץ אוועקצולייגן אין א זייט און באקאנט מאכן די וועלכע ווייסן נישט (אדער ווילן נישט וויסן...), אז „דער טראגישער סוף פון יידישן טעאטער אין לאנדאן״ איז דערווייל נאך נישט געקומען און לויט ווי מיר, די 10 איבערגעבליבענע יידישע אקטיארן, זעהן פאר, וועט דער דאזיקער סוף אזוי גיך נישט קומען...

דערווייל טראגן מיר, די לאנדאנער שוישפילער, דאס לעבעדיקע יידישעווארט אומעטום ווי עס שלאגט נאך א יידישער אדער. מיר שפילן טעאטער פאר מאנכע יידן וועלכע האבן שוין באלד פארגעסן זייער אפשטאם... אונזערע פארשטעלונגען ווערן זעלטן רעקלאמירט אין צייטונגען, ווייל זיי ווערן איינגעארדנט דורך פארשיידענע ארגאניזאציעס אין לאנדאן און אויך אין אנדערע שטעט און די איינטריטס קארטן ווערן שוין פון פריער אויספארקויפט צווישן די מיטגלידער, אזוי אז זיי נויטיקן זיך נישט אין רעקלאמע. די בראשורן און רעצענזיעס אין ענגלישע און „אנגלא־יידישע״ צייטונגען האבן מיר אין אונזערע ארכיוון, אזוי אז קיינער קען נישט צווייפלען אין אונזער עגזיסטענץ, לעצטנס מאכן מיר אפילו „רעקארדינגס״ פון יעדער פיעסע, ווי מען קען הערן די פארשטעלונג און אויך די רעאקציע פון עולם. אזוי ארום ווערן פאראייביקט די אמת׳ע „לעצטע מאהיקאנער״...

אונזער רעפערטואר איז א פארשיידנארטיקער. אין משך פון די עטליכע פופציק פארשטעלונגען, וועלכע מיר שפילן אין „גרענד פאליי״ יעדן סעזאן, באמיהען מיר זיך פון צייט צו צייט „ארײַנצושמוגלען״ א שלום עליכם פארשטעלונג ווי „שווער צו זיין א ייד״, און מיינע אינסצעניזאציעס פון „בלאנדזשענדע שטערן״ און „טביה דער מילכיגער״. מיר האבן אין אונזער רעפערטואר אויך פיעסן פון יעקב גארדין ווי „מירעלע אפרת״, „גאט מענש און טייוול״, אבער ליידער פארלאנגען די גרעסטע צאל געזעלשאפטן נאר דעם רעפערטואר פון לייכטן זשאנער (דערפאר האב איך גענוצט דאס שרעקלעכע ווארט „ארײַנצושמוגלען״...). אזוי ווי מיר זיינען נישט קיין מלוכה טעאטער און

מיר האבן נישט קיין שום סובסידיעס פון קולטור געזעלשאפטן, מוזן מיר נאכקומען דעם פארלאנג פון די וועלכע קויפן ביי אונז די פארשטעלונגען און שפילן פאר זיי מוזיקאלישע קאמעדיעס.

דער מחבר פון די פיעסן איז מערסטנטייל דער שרייבער פון די שורות... פארוואס? ווייל אלס אנפירער און רעזשיסאר פון די גרופע אקטיארן אין „גרענד־פאליי“, האט ער נאך נישט געהאט דאס מזל, אז א פראפעסיאנעלער שרייבער זאל אים ברענגען א פיעסע, וועלכע מען זאל קענען שפילן...

איז, הייסט עס, געפאלן דער גורל אויף מיר אז א חוץ אקטיאר, רעזשיסאר, רעקוויזיטאר, דעקאראציע מאלער, קאסטיומען מאכער, זאל איך ווערן מחבר אויך... איך קען זיך אבער נישט באקלאגן, מיינע פיעסן ווערן געשפילט אין ישראל און אויך אין זיד אמעריקא, די גוט באקאנטע אפערעטע סטארס הענרי גערא און ראסיטא לאנדנער האבן ערשט נישט לאנג פארענדיקט א סעזאן אין ישראל, אין וועלכן זיי האבן אויפגעפירט איינע פון מיינע פיעסן, וועלכע איז געשפילט געווארן קנאפע דריי חדשים ביי פול געפאקטע הייזער.

דער סוד פון אונזער דערפאלג אין לאנדאן איז נישט נאר די פיעסע, וועלכע איז אלעמאל פול מיט פאלקלאר, עכט יידישן הומאר און יידישע נגינה, נאר הויבטזעכליך דערפאר, ווייל די צען אקטיארן זיינען דורך און דורך פראפעסיאנעל און אלזייטיק טאלענטירט.

אנהויבנדיק פון די יינגסטע, ווייל אין זייערע הענט ליגט די צוקומפט אין וועלכע מיר ווילן נישט אויפהערן צו גלויבן, זעט מען שוין אז יידיש טעאטער אין לאנדאן קען דערווייל נישט אונטערגיין.

סידי סקאפ, געבוירן דא, איז דערצויגן געווארן ביי אונז אין טעאטער, די ערשטע טריט אויף דער בינע האט זי געמאכט אין „גרענד פאליי“. מיר באטראכטן זי ווי אונזער׳ס א קינד און ווי עלטערן שעפן מיר נחת צו זעהן וואס פארא פיינע שוישפילערין זי איז אויסגעוואקסן, איר שיינער אויסזעהן אויף דער בינע, איר זינגען און טאנצן אין א מוזיקאלישע קאמעדיע איז א געווינס פארן טעאטער, דערביי קען זי אויך שפילן אזא ראלע ווי „בעטי שאפירא“ אין „שווער צו זיין א ייד“, אדער „שיינדעלע“ אין „מירעלע אפרת“ און זיין זער איבערצייגנד.

בערנארד מענדעלאוויטש איז געבוירן אין לאנדאן, שפילט יידיש טעאטער פון זיינע פריהסטע קינדער יארן, פילט זיך אינדערהיים אין א קלאסישע אויפפירונג, צוליב דעם ריינעם זאפטיקן יידיש און געפיל פאר דראמע, און פונקט אזוי פריי איז ער אין דער אפערעטע, ווי עס איז א גרויסער ביישטייער די שטימע וועלכע ער פארמאגט.

מרים קאראלאווא און לעאן בלומענזאן האבן אין לאנדאן גאסטראלירט נאך פאר דער מלחמה און ביז דעם היינטיקן טאג שיינען זיי אין זייערע ראלן ווי אמת׳ע שטערן. ווען מען זעט וויפל טעמפעראמענט און הומאר מרים קאראלאווא ברענגט ארויף אויף דער בינע און מען הערט לעאן בלומענזאנ׳ס הארציקע פאלקס־לידער און חזנישע קאמפאזיציעס (וועלכע איך געפין שוין



א וועג אריינצוקריגן אין אונזער׳ס א פארשטעלונג), דערמאנט מען זיך אין דעם פראכט פון דעם אמאליקן יידישן טעאטער.

גארנישט קיין גרינגע זאך איז צו מאכן דעם עולם לאכן, נישט מיט קיין ביליגן געלעכטער, נאר פון יידישער טראגי־קאמעדיע לויט דער טראדיציע פון דעם פאטער פון יידישן הומאר, שלום עליכם. פארשטייט זיך, אז נאכפאלגנדיק זיינע שריט, פיר איך אריין אין מיינע פיעסן דעם אייביקן „מנחם־מענדל“. צי ער הייסט ביי מיר „דזשעק“, „מאריס“, „אייבי“, אפילו „דזשעפרו“, איז עס אלץ דער זעלבער שלימזל וואס האנדלט מיטן ווינט און האט אויסגעריסענע יארן פון זיין ווייב, וועלכע הייסט שוין נישט „שיינע־שיינדל“, נאר מסתמא „דזשעסי“ אדער „ביטריס“... אבער אז איר קוקט זיך צו איז עס די זעלבע „שיינע־שיינדל“, נאר אנדערש געשלייערט... אויף די כאראקטערן זיינען שוין ספעציאליסטן דוד סעגאל, וועלכער איז א הארציקער שוישפילער, מיט א גרויסער פארגאנגענהייט אין בעסערן יידישן טעאטער און אויך אין טעאטער פון לייכטן זשאנער, און זיין פרוי מעטא סעגאל, וועלכע איז ערשטקלאסיק אין יעדער ראלע וועלכע זי שפילט (אירע קרעאציעס אויפן שלום עליכם פעסטיוואל אלס „שרה שאפירא“ און „גאלדע־סערדצע“ זיינען געווען מייסטערהאפט), זיי זיינען ביידע גרויסע ליבלינגען ביים היגן עולם.

מאקס באום איז א שוישפילער מיט אזוי פיל רוטין אין יעדן זשאנער, אז זיין ביישטייער צו דער עגזיסטענץ פון אונזער טעאטער איז זער א וויכטיקער. צי ער שפילט דעם „קאמיקער“, דעם „אינטריגאנט“ אדער א דראמאטישע ראלע, באציט ער זיך אלעמאל מיט דער זעלבער ערנסטקייט און ברענגט ארויס יעדן טיפ מיט טאלענט און געפיל.

באזונדער מוז איך דערמאנען צוויי אקטריסעס, וועלכע זיינען אין איצטיקן מאמענט נישט געזונט, אבער מיר האפן אז זיי וועלן אינגיכן ווידער שפילן מיט אונז. דאס זינען:

די באליבטע שוישפילערין עווא זיידמאן, וועלכע געפינט זיך אין שפיטאל, מיר וואונשן איר א רפואה שלמה און ווארטן מיט אומגעדולד אז זי זאל ווידער אויפטרעטן מיט אונז אין די הויבט ראלן, וועלכע זי האט לעצטנס אזוי פערפעקט געשפילט. עווא זיידמאן איז א געשוהלטע זינגערין. אין דער יוגנט האט זי זיך בארימט געמאכט איבער דער גאנצער וועלט אין גאלדפאדענ׳ס רעפארטואר ווי שולמית (וועלכע איז געווען איר „קרוין ראלע“) און אנדערע אפערעטן. איצט פארנעמט זי ביי אונז דעם אויבן אן סיי אין דער אפערעטע, סיי אין דער דראמע, ווייל זי איז א הערליכע שוישפילערין.

די צווייטע אקטריסע איז מילי טשיזשיק, וועלכע געהערט צו די וועטעראנען פון יידישן טעאטער. זי האט געשפילט מיט די גרעסטע „סטארס“ פון דער יידישער בינע, ווי מאריס מאשקאוויטש, לודוויג זאץ, רודאלף זאסלאווסקי און פיל אנדערע. ביז מיט א קורצע צייט צוריק האט זי נאך אלץ באשיינט אונזערע פארשטעלונגען. און געווען דער גרעסטער ליבלינג ביים לאנדאנער פובליקום. מיר האפן נאר, אז זי וועט ווידער אימשטאנד זיין מיט אונז צו שפילן.

וועגן זיך אליין וועל איך נישט שרייבן. דאס וועלן שוין אוודאי אנדערע

טאן, ווען איך וועל שוין נישט זיין. ביי יידן ווערט מען מערסטנטייל אנערקענט נאכן טויט . . . אבער צוליב סטאטיסטיק וויל איך נאר זאגן דאס : איך בין געבוירן אין אנ׳אקטיארישער משפחה. מיינע עלטערן דוד און רחל אריעל וועלכע זיינען אומגעקומען אין אוישוויץ, זיינען געווען יידישע אקטיארן און געשפילט אין פוילן און אין רוסלאנד, איך האב אנגעהויבן שפילן קינדער ראלן מיט משה ליפמאן ע.ה. ווען איך בין אלט געווען אכט יאר און זייט צאן געשפילט מיט די גרעסטע קינסטלער פון דער גאנצער וועלט, ווי אברהם מארעווסקי ע.ה. זיגמונד טורקאוו, אידא קאמינסקא און פיל, פיל אנדערע. אין יאר 1947 בין איך פון אנ׳עסטרייכישן לאגער געקומען קיין לאנדאן און א חוץ עטליכע חדשים גאסטשפילן אין זיד אפריקא און שפעטער זיד אמעריקא, האב איך



די חברים־גרופע פון גרענד־פאלעי־טאטער
אינם שלום־עליכם־„פעסטעביבל" 1966



כסדר געשפילט און א סך סעזאנען, פונקט ווי איצט, אנגעפירט מיט יידיש טעאטער אין „גרענד פאליי".

אויסרעכנענדיק די טרופע מוז איך אויך דערמאנען די מוזיקאלישע לייטערין פון אונזער קאלעקטיוו, די פיאניסטין עני ראנין (די טאכטער פון מילי טשיזשיק), מיט איר מאן דעם פידלער סידני ראנין, וועלכע זיינען ווי צוויי זיילן פון אונזערע פארשטעלונגען.

דאס איז דער אנסאמבל פון דעם לאנדאנער יידישן טעאטער „גרענד־פאליי" און מיט זיי וועל איך ווייטער קעמפן פארן יידישן ווארט. מיט אזא „ארמעי" קען מען פירן מלחמה . . .

## תלמיד־חכם בא לעיר

### צו עגנונס אנקומען היינט אין לאנדאן

**ש. י. עגנון**

## סייעתא דשמיא

דער גאון רבי אליהו קלעצקין, זכרונו לברכה, האט מיר דערציילט : איין מאל בין איך געקומען קיין קאוונע און געגאנגען אפגעגעבן שלום רבי יצחק אלחנן, זכר צדיק לברכה. איז צו רייד געקומען איבער מיין שטאט מאריאמפאל, וואו כ׳בין א צייט לאנג געווען רב. זאגט צו מיר רבי יצחק אלחנן, אז נישט ווייט פון מאריאמפאל איז פאראן א מקום, וואס הייסט דיק. איך קעגט מסתמא אט דאס שטעטל. עס איז אזוי גרויס ווי א טל־ומטר אין א קליין סידורל. אמאל האט מען מיך פארבעטן דארטן אהין אויסצוגלייכן צווישן צוויי סוחרים. איין צד האט זיך אויסגעקליבן דעם רב פון שטעטל און איין צד — א רב פון דער געגנט, און איך האב געדארפט זיין דער דיין שלישי. אהינגעקומען קיין דיק, האב איך מיך געפילט מיד פון וועג. דער רב האט מיר אפגעגעבן זיין בעט. בשעת כ׳בין אזוי געלעגן אין בעט זענען צוויי יידן געקומען זיך לאדענען פאר אים. איך האב מיך געמאכט שלאפנדיק, כדי צו הערן ווי ער וועט פסקענען.

זאגט דער רב צו אט די צוויי יידן, רבי יצחק אלחנן פון קאוונע איז דא דא, לאמיר זשע פארלייגן אייערע טענות פאר אים. האט ער גלייך געזעען, אז איך שלאף. גייט ער צוריק צו זיי און קערט זיך ווידער אום צו מיר. אזוי האט ער געטון איניקע מאל, נישט האבנדיק די העזה מיך אויפצואוועקן. איך האב געהערט ווי ער באדויערט וואס רבי יצחק אלחנן שלאפט.

איך בין מיר געלעגן מיט די אויגן פארמאכט, אבער מיט די אויערן אפן, אנשטרענגענדיק מיך צו הערן וויאזוי ער פארטיפט זיך אינם ענין און ווי־אזוי ער ברענגט ארויס דעם פסק־דין. איך האב איינגעזעען, בעת ביידע צדדים האבן פארגעלייגט זייערע טענות, אז עס איז א הארבער ענין. ממש אט אזא ענין איז געקומען פאר מיר מיט א צייט צוריק און עס האט מיר גענומען אזש דריי חדשים איידער כ׳האב ארויסגעברענגט דעם דין. קענט איר שוין פארשטיין מיין באגער צו הערן אט דעם רבס פסק. עס האט נישט לאנג

געדויערט און ער האט געפסקנט געני אזוי ווי איך. בלויז וואס ביי מיר האט עס גענומען גאנצע דריי חדשים בעת ער האט ארויסגעגעבן דעם פסק־דין אין א קליינער ווײלע.

ווען ביידע יידן זענען אוועקגעגאנגען, בין איך אויפגעשטאנען פון בעט. קומט דער רב און דערציילט מיר, אז אביסל פריער זענען ביי אים געווען צוויי יידן מכוח א געוויסן ענין. ער האט געוואלט זיי זאלן זיך אויסטענהן פארן קאוונער רב. נאר זעענדיק ווי מעלתו שלאפט, האב איך נישט געהאט די העזה אים אויפצואוועקן.

האב איך אים געפרעגט, און וויאזוי האט איר געפסקנט? האט ער מיר געזאגט. זאג איך, אויף וואס פאר א סמך האט איר אזוי געמשפט? זאגט ער מיר, לויטן ש״ך. זאג איך, אויף וועלכן ארט אין ש״ך זענט איר מכוון? ווארום איך געדענק נישט, אז דער ש״ך זאל אזוי פסקענען. עפנט ער אויף דאס ספר ש״ך און ווייזט מיר. פארטיף איך מיך אין די ווערטער פון ש״ך און זע ממש פונקט דעם היפוך פון דעם, וואס אט דער רב האט געפסקנט. איך ווייז עס אים. ווערט ער נבהל און גיט א געשריי, אוי איז מיר וואס כ׳האב געפסקנט שלא כדין! זאג איך צו אים, בארואיקט אייך, איר האט געפסקנט ריכטיק און איך אליין האב אויך אזוי געפסקנט. און האב אים גלייך דערציילט די גאנצע זאך. און בנוגע די ווערטער פונם ש״ך האט יענער רב געהאט סייעתא דשמיא, מחמת ער האט דארט נישט פארשטאנען די רייד.

## א מעשה מיט א ציג

א מעשה מיט א זקן, וואס האט געשפיגן פלעגמע, אז עס האט אזש געריסן דאס הארץ. איז מען געגאנגען צו דאקטוירים פרעגן וואס מען זאל טון. האבן זיי געהייסן אים געבן צו טרינקען ציגן־מילך. איז ער ארויס און האט זיך געקויפט א ציג און זי ארייגעשטעלט אין א שטאל אריין. עס האט אבער נישט געדויערט לאנג און די ציג איז נעלם געווארן. איז מען געגאנגען זי זוכן און מ׳האט זי נישט געפונען, נישט אויפן הויף און נישט אין גארטן, נישט אויפן דאך פון בית־המדרש און נישט ביים קוואל, נישט אויפן בארג און נישט אין פעלד. עס האט גענומען טעג ביז זי איז פון זיך אליין צוריקגעקומען און ווען זי האט זיך אומגעקערט זענען אירע אייטערס געווען פול מיט מילך, וואס דער טעם דערפון איז געווען ווי טעם גן־עדן. און נישט בלויז איין מאל איז זי פארשוואונדן פון הויז, נאר פיל מאל. איז מען זי געגאנגען זוכן, האט מען זי נישט געפונען ביז זי האט זיך אליין אומגעקערט און מיט אייטערס פול מילך, וואס איז געווען זיסער פון האניק און געהאט טעם גן־עדן.

אמאל זאגט דער זקן צו זיין זון, מיין קינד, כ׳וואלט געוואלט וויסן וואוהין די ציג גייט און פונוואנען זי ברענגט אט די מילך, וואס איז אזוי זיס צו מיין גומען און א רפואה צו אלע מיינע ביינער. זאגט דער זון צו אים, טאטע, ס׳איז דא אן עצה דערצו. וואס איז די עצה? האט דער זון זיך אויפגעהויבן און געברענגט א פאדעם און אים אנגעבונדן דער ציג צום וויידל.



זאגט דער פאטער צום זון, וואס טוסטו, מיין זון? זאגט ער אים, איך בינד אן א פאדעם צו וויידל פון דער ציג און ווען כ׳וועל פילן, אז זי וויל גיין, וועל איך האלטן דעם פאדעם ביים עק און גיין מיט איר אין וועג אריין. האט דער זקן געשאקלט מיטן קאפ און געזאגט אויף אים דעם פסוק, מיין קינד, ווען דיין הארץ איז קלוג וועט זיך אויך מיין הארץ פרייען. דער בחור האט אנגעבונדן א שיינעם פאדעם דער ציג צום וויידל און געהאלטן אן אויג אויף איר. אזוי גיך ווי זי האט זיך אויפגעשטעלט צו גיין האט ער אנגעכאפט דעם פאדעם און נישט אפגעלאזט, און בשעת זי איז געגאנגען האט ער זיך נאכגעשלעפט נאך איר ביז ער איז צוגעקומען צו א הייל.

די ציג איז אריין אין דער הייל איז דער בחור אריינגעגאנגען מיט איר, האלטנדיק דעם פאדעם און גייענדיק נאך איר. און אזוי זענען זיי זיך געגאנגען א שעה צוויי און אפשר א טאג צוויי. די ציג האט געשאקלט מיטן וויידל און געמעקעט מיטן מויל ביז זי איז געקומען צום סוף פון דער הייל. ווען זיי זענען ארויס פון דער הייל, האט ער דערזען גרויסע און קליינע בערג מיט טייערע פירות און א ברונעם קוועלנדיק וואסער פליסן פון די בערג אראפ און א ווינט בלאזט כל מיני בשמים און די ציג שטייגט ארויף אויף א בוים, און דער בוים איז פול מיט באקסערן אנגעשטאפט מיט האניק און זי עסט די באקסערן און טרינקט פונם גארטן־קוואל. האט דער בחור זיך אפגעשטעלט און אויסגערופן צו די פארבייגייענדיקע, איך באשווער אייך, גוטע מענטשן, אז איר זאלט מיר זאגן וואו איך געפין מיך און ווי הייסט די דאזיקע געגנט? האבן זיי אים געזאגט, דו ביסט אין ארץ־ישראל נאנט פון צפת. האט דער בחור אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאגט, געלויבט איז גאט, וואס האט מיך געברענגט קיין ארץ־ישראל. האט א קוש געטון די ערד און זיך אנידערגעזעצט אונטערן בוים. ר׳האט געזאגט צו זיך, ביז פארוויילן וועט דער טעג און אנטרינען וועלן די שאטנס וועל איך מיר זיצן אונטערן בוים. דערנאך וועל איך גיין אהיים און ברענגען מיין טאטע־מאמע קיין ארץ־ישראל. זיצנדיק זיך אזוי און זעטנדיק זיך מיט דער הייליקייט פון ארץ־ישראל, הערט ער ווי מען שרייט, קומט און לאמיר אנטקעגנגיין דער מלכה שבת. און זעט מענטשן איינגעהילט אין ווייסן מיט הדס־צווייגן אין די הענט און אלע הייזער זענען באלויכטן מיט אסך ליכט. האט ער שוין אליין פארשטאנען, אז עס איז ערב שבת פארנאכט און מען קען זיך נישט אומקערן. נעמט ער און ברעכט אפ א צווייגעלע און טונקט עס איין אין א נוס אזא, וואס מען מאכט פון איר טינט צו שרייבן ספר־תורות, און נעמט א שטיקל פאפיר און שרייבט א בריוו צום פאטער, פון א ווינקל פון לאנד מאך איך דיך הערן געזאנגען, ווארום כ׳בין בשלום אנגעקומען קיין ארץ־ישראל און אט זיץ איך נישט ווייס פון צפת די הייליקע שטאט און זעטיק מיך מיט איר הייליקייט. און פרעג מיך נישט וויאזוי בין איך אהערגעקומען, נאר נעם דעם פאדעם, וואס איז אנגעבונדן דער ציג ביים וויידל און גיי טריט ביי טריט נאך דער ציג. דעמאלט וועסטו גיין זיכער אויף דיין וועג און קומען קיין ארץ־ישראל. דער בחור האט צונויפגערולט דאס פאפירל און עס פארבארגן דער ציג אין אויער. טראכטנדיק

זיך, אז ווען זי וועט קומען צום טאטן, וועט ער איר גלעטן דעם קאפ און זי וועט שאקלען מיט די אויערן, וועט תיכף־ומיד דאס שטיקל פאפיר איר ארויס־פאלן פון אויער. דער טאטע וועט עס גלייך אויפהייבן און איבערלייענען וואס עס שטייט דארט געשריבן און אנכאפן דעם פאדעם און גיין מיט איר קיין ארץ־ישראל.

די ציג האט זיך טאקע אומגעקערט צום זקן, אבער מיט די אויערן האט זי נישט געשאקלט און דאס שטיקל פאפיר איז נישט ארויסגעפאלן. ווי דער זקן האט דערזעען, אז די ציג איז דא צוריק, נאר זיין זון איז נישטא, האט ער זיך גענומען שלאגן אין קאפ און שרייען און וויינען און קלאגן, מיין זון, מיין זון, וואו ביסטו? הלואי וואלט איך געשטארבן אויף דיין ארט, מיין זון, מיין זון! האט געוויינט און געטרויערט אויף זיין זון, ווארום ער האט געמיינט, אז א חיה־רעה האט אים אויפגעפרעסן, פארצוקט פארצוקט איז געווארן מיין זון. און האט זיך נישט געלאזט טרייסטן, נאר האט געזאגט, איך וועל אראפנידערן צו מיין זון מיט קומער אין קבר אריין. און יעדעס מאל ער האט געזעען די ציג האט ער געזאגט, ווי איז דעם טאטן, וואס האט פארטריבן זיין קינד און ווי איז צו איר, דורך וועמען ער איז פארטריבן געווארן פון דער וועלט! און דאס געמיט פון אט דעם זקן האט זיך נישט בארואיקט ביז ער האט נישט געלאזט רופן דעם שוחט זי צו שחטן. איז געקומען דער שוחט און געשחטן די ציג. ווען מען האט איר אפגעשונדן די פעל איז דאס פאפירל איר ארויסגעפאלן פון אויער. דער זקן האט גענומען דאס שטיקל פאפיר און געזאגט, עס איז מיין זונס האנט־שריפט. און האט איבערגעלייענט אלץ וואס דער זון האט צו אים געשריבן. ער האט זיך גענומען שלאגן אין קאפ אריין און וויינען, ווי, ווי, אוי איז דעם מענטש, וואס האט מיט די אייגענע הענט א תל געמאכט פון זיין מזל און אוי איז דעם מענטש, וואס האט אפגעצאלט מיט א רעה פאר א טובה! האט געטרויערט פיל טעג אויף דער ציג און נישט געוואלט זיך לאזן טרייסטן, זאגנדיק, אוי איז מיר, וואס האב געקענט מיט איין שפרונג עולה זיין קיין ארץ־ישראל און אצונד וועל איך מוזן אפפינסטערן מיינע טעג אין אט דעם גלות!

פון דעמאלט אן איז דאס מויל פון דער הייל פארהוילן פון אויג, און קיין קורצער וועג איז שוין נישטא. און אט יענער בחור, אויב ער איז נישט געש־טארבן, שפראצט נאך אין גראער עלטער, פעט און צווייגהאפטיק, אין לאנד פון לעבן, רואיק און שלווהדיק.

פון עברית איבערזעצט, א. אלמוג

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער א־בעט.

ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 421) אכט און צוואנציקסטן יאר יאנואר 1967 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

אכט און צוואנציקער יאר יארגאנג „לשון און לעבן“, ש. ל. קרעדיטאר ע.ה.,
שוין איבער פינף יאר ..... ** 1
ש. ל. קרעדיטאר, ז״ל ..... ש. י. הארענדארף 2
לעיעלעס ..... יוסף לעפטוויטש 3
נוי־יארק און איך (ליד) ..... א. לעיעלעס 11
מיין ערשטע קארעספאנדענץ צום פריינט אין פעטערבורג (הומארעסקע)
משה בעקערמאן 11
צום מלך שאול (פאעמא) ..... מנחם שטערן 13
איך רעכן (ליד) ..... שמואל וההייט 14
בענקשאפט, מיט זון אין מיין הארץ (לידער) ..... עלא זילבערג 14
דער אריינפאר און די באגעגעניש (פראזע), אין א טבת טאג, שבט (לידער)
א. נ. שטענצל 15
ראש השנה אין חודש שבט (עסיי) ..... י. ריכטיגער 30
ווו איז דער מענטש ביי לעוויטאן (פאעמא) ..... ארן ווערגעליס 35
צו אהרן ווערגעליס באזוך אין לאנדאן ..... ש. 36

## יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

(בערנער סטר. 33 א.ו. בערנארד בעראן סעטלמענט — 3 א זייגער)

שבת, דעם 28׳סטן יאנואר—צום דער 25סטער יארצייט פון די מארטירער: אל־טער און ערלעך. רעדנער מאיר באגדאנסקי, ש. בירנבוים, ה. לעווקאוויטש.

שבת, דעם 4׳טן פעברואר — א פארטראג פון סעם לעוו: די יידיש־וועלעכע קולטור. לייענען: מנשה ווייסגראז.

שבת, דעם 11׳טן — אייזעק גאלדבערג רעציטירן פונם שאפן פון די לאנדאנער יידישער שרייבער. עלע זילבערג וועט לייענען איר לידער.

שבת, דעם 18׳טן — א פארטראג פון יעקב ריכטיגער: וואס מיינט פורים קטן.

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*